STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05521

DI IDISHE NEVIIM

Isaac Unterman

Permanent preservation of this book was made possible
by Joesph &Irma Gusfield
in memory of
their daughter, Julia Gusfield, 1949-1970

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אידישע נביאים

ערשטער בוך

— פון —

דר. יצחק אונטערמאן

פרייז 1 דאלאר

1938

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL PHILADELPHIA 28

ביז איצט דערשינענע ביכער פון דר. יצחק אונטערמאן

אידיש :

אידישע און אלגעמיינע דערציאונג, שיקאגא 1916
פון די שחיטה שטעדט, ניו יארק 1928
די געשיכטע פון אידן אין ניו דזשוירזי, דריי בענדער, נוארק, 1935
אונזערע ימים טובים, צוויי בענדער, פילאדעלפיא, 1936

העברעאיש :

מעשיות לילדים, 8 אילוסטרירטע ביכלעך, פארלאג „ביבלותיקה לילדים", ווארשע, 1921

ענגליש :

THE FEAST OF ESTHER, CHICAGO, 1918
GRAPHIC PORTRAITS, NEWARK, 1928

The Hebrew Prophets

By

Dr. Isaac Unterman, Ph.D., J.D.

VOL. I

Published by

THE "JEWISH WORLD"

223 South 5th Street

Philadelphia, Pa.

PRICE $1.00 PER VOLUME

ס'איז פארבאָטן איבערצודרוקן אָדער
איבערצוזעצן טיילוויז אָדער אין גאנצן
אָן דער דערלויבעניש פונם מחבר.

Copyright 1938
By Dr. Isaac Unterman
Newark, N. J.

PRINTED IN THE U. S. OF AMERICA

אדרעס פון מחבר :

DR. I. UNTERMAN
520 Clinton Avenue
Newark, New Jersey
U. S. America

דערקלערונג

מיט די דאָזיקע צוויי ביכער האָב איך מתכוון געווען צו געבן די סביבה, שאַפונג און באַדייט פון די נביאים ראשונים און אחרונים, האַלטנדיק זיך, אויף וויפיל מיר איז געווען מעגלעך, טריי צום טראַדיציאָנעלן סדר אין תנ״ך ניט אַריינלאָזענדיק זיך אין דער פרעמדער און אייגענער ביבל-קריטיק.

מחמת דעם וואָס די דאָזיקע אַרבעט מיינע האָט זיך פריער געדרוקט אין טעגליכע המשכים אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט” פון וואָס דער זאַץ איז גענוצט געוואָרן, איז מיר טעכניש שווער געווען מקפיד צו זיין אויף אַן איינהייטליכער מאָדערנער אָרטאָגראַפיע.

איך האָב זיך אויך דערלויבט צו מאַכען פאַר מיר פאַסנדיקע שינויים און איבערדיכטונגען אין די ציטירטע שטעלן, וואָס איך האָב גענומען פון יהואש'ס תנ״ך איבערזעצונג.

דר. יצחק אונטערמאַן

אינהאלט

אריינפיר — — — — — — — 13—19
שמואל — — — — — — 21—26
נתן און אחיה — — — — — 27—31
אליהו און אלישע — — — — 33—42
הושע — — — — — — — — 43—70
עמוס — — — — — — — — 71—93
ישעיהו — — — — — — — 95—155

אריינפיר

פאראן אין דער אידישער געשיכטע אזעלכע מאָמענטען, וואָס קאָנען געהעריג אָפּגעשאצט ווערען בלויז ווען מען פארטיפט זיך אין זייער היסטארישער וויכטיגקייט, ווען מען פאסט זיי אויף מיט א וועלט־בליק און וועלט־אנשויאונג. אויב אָבער מען וויל זיי אָפּשאצען ווערדיג זייער מאָמענטאלען ווערטה, געהט די וויכטיגקייט לגמרי לאיבוד און קוקט אוים פלאך און לפי שעה'דיק.

די שאפונגען פון אונזערע נביאים זיינען באין אופן ניט קיין צייטוויי־ליגע, גילטיג בלויז פאר איין דור, פאר איין תקופה, נאָר פאר יעדער צייט, פאר דער גאנצער אייביגקייט. אָט אין דעם דאָזיגען פאקט ליגט די גרויסקייט און וויזיע פון אונזערע נביאים — דער שאפען פּאָזיטיווע און אבסאלוטע אמת'ן פאר דער ווייטער אייביגקייט.

יעדער מענש באשאפט זיך זיין גאָט בצלמו ובדמותו. וואָס העכער דער מענש שטעהט גייסטיג און עטיש, אלץ מעהר ראפינירט און מעהר געלייטערט איז זיין באגריף וועגען גאָט און נאטור.

ווען דער מענש איז נאָך א לאנגען שטייגען געקומען צום באגריף פון אן אומזעהבארע קראפט וואָס באוועגט און באהערשט די גרויסע נאטור־כוחות, איז עס געווען אין דער פאָרם פון בילדליכקייט און געשטאלטקייט. יעדער גאָט — א בילד; יעדער כח — א געשטאלט.

און ווען דער מענש איז שוין געקומען צום סאמע העכסטען באגריף, צום מאנאטעאיזם און אחדות אלהות, צום גלויבען אין א גאָט וואָס איז דער כח שבכל הכחות, האָט אפילו נאָך דאמאָלט זיין גאָט געהאט א געשטאלט.

משה רבינו, דער ערשטער נביא ביי אידען, האָט דערזעהן דעם סנה ברענען אין דער מדבר, און דער דאָזיגער פלאמיגער פייער האָט אויפגעברויזט אין זיין הארץ, איהם געגעבען די געטליכע דערקענטעניש, און דערנאָך זיך געצויגען ווי א גאָלדענער פאָדעם אינ'ם לעבען און דענקען פון אלע אונזערע נביאים. זייער דערקענטעניש איז געווען אן אינטואיטיווע, אָן די שכל'דיגע און פילאזאָפישע סיסטעמען, אָן דער טרוקענער אנאליטישער פאָרשונג.

די גריכישע פילאזאפיע, אָנהויבענדיג מיט טאמאס פון סילעט ביז צו קאנט'ס „קריטיק דער ריינען פארנונפט" און העגעל'ס „אידייען דיאַ־לעקטיק", איז אפשר א ריכטיגער מאטעמאטישער חשבון פון דער „פאר־מעלער לאָגיק", אָבער באין אופן ניט אזוי לעבעדיג מענשלעך ווי דער אידיש־אינטואיטיווער צוגאנג. דאריבער אפשר הייסען די אידישע וואָרט־זאָגער „נביאים" און ניט פילאזאָפען.

אודאי האָבען די נביאים, און אויך די חכמי התלמוד, געוואוסט און טאקע אויך פילאזאָפירט איבער די סודות פון דער נאטור. דער תלמוד האָט זיך אפילו אָפט באנוצט מיט די פילאזאָפישע מעטאָדען און סיסטעמען, דאָך איז דער נביאישער און תלמודישער דענקען געווען קאנ־טראָלירט בלויז און נאָר דורך דער אינטואציע. און מערקווירדיג, דוקא דורך דער אינטואיציע איז זיי געלונגען צו שאפען א לאָגיש אויסגערעכענטע און שכל'דיג־אויסגעהאלטענע וועלט אנשויאונג, וואָס האָט זיך דערהויבען צו פאָליטיש, קולטור־סאָציאלע און אוניווערסאלע הויכען.

די נביאישע אויפפאסונג איז, אז עס איז פאראן א שטענדיגער קאנטאקט צווישען גאָט און מענש, צווישען הימעל און ערד, און דעם מענשענס אינטואציע דארף זיך דאריבער דערהויבען צו דער גאָטהייט. מהאי טעמא האָבען די נביאים אָנגעפיהרט א קאמף געגען די נאטור־רעליגיעס, דעם פאנטעאיזם און פאגאניזם, ווייל גאָט אליין פיהרט אין זיין אומבאגרענעצטען כח די וועלט און נאטור. ער איז דער רעגירער איבער אלץ און אלעמען, אָבער ער רעגירט וועדליג פונדאמענטאלע, פון איהם פעסטגעשטעלטע פרינציפען פון יושר און גערעכטיגקייט. אויך דער מענש איז א רעגירער איבער דער נאטור און זיינע כחות, און זייענדיג אליין א רעגירער מיט א פרייער בחירה, דארף ער אויך זיין יושר'דיג און גערעכט.

דער פארלאנג נאָך יושר און גערעכטיגקייט, וואָס לאָזט זיך הערען דורך דער שטים פון יעדען איינצעלנעם נביא, איז א פונדאמענטאלער חלק פון זיין אייגענעם עצם און מהות, אידענטיפיצירט און דורכגעבונ־דען מיט דער אייביגער געטליכקייט — דער הויפט יסוד פון אלע הע־בערע אידעאלען און באשטרעבונגען.

דער נביאישער יושר און מאראל באגריף ציהט זיין יניקה און חיונה פון דער ספערע פון דער ריינער אומה, און דער באזיס פון די

נביאישע שטראָף־רייד איז דער אטריבוט פון דער אחדות׳יגער און שלמות׳־דיגער גאָטהייט.

דער נביא רעדט קיינמאָל ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אין נאָמען פון גאָט — כה אמר השם — און דער דאָזיגער גרונטמאָטיוו הערט קיינמאָל ניט אויף. די אטריביוטען פון גאָט זיינען דעם נביא קלאָר, און ער רעכענט זיי אויס בפרטיות: גאָט איז אין סוף׳דיג, הייליג, אן אנאלאגיע. ניט קיין טייל פון דער נאטור, און אָן בילדליכקייט און גע־שטאלטקייט; גאָט איז פול מיט חסד, פול מיט רחמנות, פול מיט צדק און משפט, און בצלם אלהים נברא אותו — דער מענש איז אן עצם טייל פון גאָט; פונקט ווי גאָט איז יושר׳דיג און רחמנות׳דיג, אזוי מוז אויך דער מענש זיין. והייתם כאלוהים — איהר זאָלט זיין ווי גאָט!

ניט דער מענש, נאָר גאָט אליין איז דער צענטראלער פונקט פונם דאָ זיין. ניט דעם מענשענ׳ס רצון איז אליינהערשענדיג, נאָר דער ווילען פון גאָט. ניט דעם מענשענ׳ס בארעכטיגטע און אומבארעכטיגטע ליידענשאפטען און קאפריזען מוזען דערפילט ווערען, נאָר דער אייביגער געזעץ פון דעם אלמעכטיגען, וואָס איז דער געזעץ פון מאראל און יושר, פון אמת און צדק, פון שלום און אחוה.

אפילו דער נביאישער משיח און אחרית הימים באגריף איז געווען דער סאָציאל עטישער, געקניפּט און געבונדען מיט דער באפרייאונג פון גאָר דער מענשהייט, מיט׳ן אָפּשאפען די ממשלת הזדון און מיט דער עטאבלירונג פון דעם האל הנקדש בצדקה, א גאָטהייט וואָס ווערט געהייליגט דורך סאָציאלער גערעכטיגקייט און דורך א יושר׳דיגער געזעלשאפט־ליכע אָרדענונג. כל זמן אָבער דער מענש הערשט איבער מענש, דער שטארקערער איבערן שוואכערען, דער רייכערער איבערן אָרימערען, קאָן משיח ניט קומען.

די נביאים זיינען געווען דורך און דורך באווירקט פון דער אמונה. ניט בילדונג, ניט וויסענשאפט און ניט די פילאזאפיע האָט זיי געגעבען דעם נשמה׳דיגען דראנג צו יושר און גערעכטיגקייט. זייערע אויגען זיינען געווען געווענדט צום הימעל און האָבען דאָרטען אויך דערזעהן דעם שפּיץ לייטער וואָס דערגרייכט דעם כסא הכבוד, האָבען זיי אויף איהם געקלעטערט און זיך דערהויבען צו דער הויכער מדרגה פון מאראל, עטיק און יושר. וואָס העכער זיי האָבען זיך דערהויבען, אלץ שטארקער איז

געוואָרען זייער אספּיראציע, זייער התלהבות'דיגע אמביציע, צו דערגרייכען נאָך העכער און העכער, אזש ביז דער געטליכער פולשטענדיגקייט.

דערפאר האָבען דער רוב נביאים זיך אָפּגעשיידט פון די איבער־ריגע, געוואָרען פרושים און נזירים, ניט געקומען פנים אל פנים מיט די שווערע נסיונות פונם טאָג־טעגליכען קאמף, און ממילא זיך דערהויבען צו דער אמת'ער שלמות'דיגקייט. דאריבער, משמעות, האָבען מיר געהאט אזא קליינע צאָהל נביאים. בלויז א הייפעלע צווישען א סך, ממש אחד בעיר ושנים במשפחה. אפשר איז אָט די דאָזיגע אָפּגעזונדערטקייט און וויניציגקייט אין צאָהל אויך געווען די סיבה, וואָס כאָטש זיי זיינען אזוי הויך געשעצט און געאכט געוואָרען ,האָבען זיי דאָך בשעתם ניט אויסגעאיבט קיין צו גרויסער השפּעה. די נביאישע אידייען זיינען געווען סופּער־הומאנע, ריינע הימלישע באגריפען, קריסטאליזירט און געלייטערט אין דער אייגענער גייסטיגקייט, און אזא קאנצעפּציע צוזאמען מיט דער נזירות פון ערדישקייט, איז געווען אביסעל צו־חומרה'דיג פאר דעם געוויינטליכען בשר ודם, דעם וואָס שטויסט זיך אויף טריט און שריט אָז אין זאכען וואָס רייצען די תאוה און ליידענשאפט.

אזוי האָבען די אידען תמיד ווידערגעשפּעניגט קעגען גאָט, געזינדיגט און איהם איבערגעבעטען, איבערגעבעטען און ווידער געזינדיגט.

מיט זייער גאנצער אָפּגעזונדערטקייט און פּארטראָגענקייט אין די הויכע הימלען, האָבען די נביאים זיך אָבער אויסגעצייכענט מיט זייער לאָגישען צוגאנג צום לעבען און פּאָליטישער רייפקייט. יעדען מאָל וואָס זיי זיינען געשטאנען פנים אל פנים מיט א רעאלער פראגע, האָבען די נביאים זיך גאָר גיך אריענטירט אין די סאמע פארפּלאָנטערסטע סיטואַציעס, און פאראויסגעזעהן זייערע אומפארמיידליכע רעזולטאטען. זיי האָבען דאמאלט געצוימט זייער גרויסע עמאציע און פלאָמענדיגער פאנטאזיע, און זיך פארוואנדעלט אין שטרענג רעאלע פּאָליטיקער און פיהרער, וואָס באקעמפען פאנטאסטישע באשטרעבונגען און קאמבינאציעס. אפילו זייער קנאי'דיגען פּאטריאָטיזם האָבען זיי אויך אין צייט געצוימט און באגרענעצט. זיי האָבען בשום אופן ניט דערלאָזען, אז דער איד זאָל געהן בחוקות הגויים און זוכען דורך רויבערישע מיטלען צו ווערען אן אימפּעריאליסטישע מלוכה. די הויף־לייט און זייערע געדונגענע נביאי השקר האָבען דוקא תמיד געגרייצט די פּאָליטישע אוואנטיורעס, צו חלומות פון וועלט־מאכט און פּאָליטישע אליאנצען, אָבער די נביאים האָבען קע־

געזן דעם ביטער געקעמפט. מיט זייער גרויסער חכמה האָבען זיי געזעהן אז דער סוף פון יעדער אזעלכער פּאָליטישער אוואנטיורע פיהרט בלויז צו איין זאך: אונטערגאנג און פארניכטונג!

די נביאישע אידעאלאגיע איז געווען, אז דער איד דארף זוכען זיין גרויסקייט און שטארקייט ניט אין פּאָליטישער דערגרייכונג, ניט אין וועלט־מאכט און אויבערהערשאפט, נאָר אין דער געטליכער שלמות׳דיגקייט, אין דער אייגענער גייסטיגער דערהויבענקייט און מאראל־עטישער מוסטער־האפטיגקייט. ווערליג זייער אויפפאסונג, זיינען די גרויסע וועלט אימפּעריעם געווען בלויז פיגורען אין די הענט פון דער השגחה. אשור איז „דער רוט פון מיין צאָרן", און מצרים איז א „קנה רצוץ", אן איבערגעבראָכענער שטעקען, וואָס צושטערט יעדען וואָס שפּארט זיך אויף איהם אָן. די דאָזיגע גרויסע אימפּעריעס וועלען מוזען אונטערגעהן, און די וועלט־אויסבעסערונג וועט מוזען קומען.

די גרויסע אידישע נביאים זיינען געווען אפּטימיסטען אויף אזוי פיעל, אז זיי האָבען אויך דערזעהן דעם סוף פון דער עקזיסטירענדיגער ברוטאלער וועלט, און נבואה געזאָגט אויף א אן עתיד לבא׳דיקער וועלט, א נייע און פיל בעסערע. זיי האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אז די מענשהייט וועט זיך סוף כל סוף דערשלאָגען צו א ליכטיגער צוקונפט, אז אחרית הימים, אין וועלכער גאָט׳ס תורה וועט זיין איינגעקריצט אין אלע־מענס הערצער, און וועט זיין דער ליכט־טרעגער פון אלץ וואָס איז יושר׳דיג און גערעכט.

דער נביא איז ניט געווען קיין פאטאליסט, נאָר געגלויבט אינ׳ם פרייען ווילען פון מענשען, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען פון דער יצירה אָן. און האָט דער מענש די בחירה, וועט ער אודאי אויסקלויבען דעם בעסערען, דעם שעהנערען און יושר׳דיגען וועג.

קלאָר און דייטליך מערקט זיך די נביאישע אריענטאציע אין אלערליי וועלט געשעענישן, און תמיד זיינען זיי אויף דער זייט פון די ברייטע פאָלקס־מאסן, תמיד די רעוואָלוציאָנערן און אפּאָזיציאָנערן, תמיד די מענשן פונם מאָרגן. דער מאָרגן איז פארן נביא ניט א בלויזע צו־פעליגקייט, נאָר א באוואוסטזיניקער פּראָצעס. יעדער צופאל האָט זיין סיבה אין דער פארגאנגענהייט, און דער מאָרגן, די ווייטע צוקונפט, איז ניט באשטימט אין פאראויס נאָר איז אָפּהענגיק אָן דער פארגאנגענהייט. די נביאים זיינען ניט קיין טרעפער פון דער צוקונפט, נאָר אירע שעפער

און פאַרשער. דערפאר פאָדערן זיי אבסאלוטע גערעכטיגקייט, ווייל דארין איז אָפּהענגיק דער אויסגאנג פון דער צוקונפט.

דער נביא ווערט ארויסגערופען אין לעבן דורך דעם אינערלעכן בארוף, דורך דער אייגענער פערזענליכקייט, דורך דער אייגענער אינדיווידועלער פארטיפונג. אָפט גאָר א גאנץ זייטיקער מענש, דערפילט ער פּלוצים אין זיך די באגייסטערונג, דעם אינערלעכן ברען, וואָס לאָזט אים מער ניט צו־רו. ער קאן דאמאלט דעם דראנג ניט גורם זיין, א קראפט וואָס איז א סך שטארקער פון אים טרייבט אים קעגן זיין אייגענעם ווילען צו זיין א נביא. ער ווערט דאמאלט ווי געפאנגען פון דער דאָזיקער אומזעבארער קראפט, און ער רעדט און שטראָפט ,צורייסט און צוברעכט.

דער אידישער נביא איז א וויזיאנער, און א סך מערער א דיכטער. זיין גאנצער גייסט איז א דיכטערישער, זיינע געפילן — עמאָציאָנעלע, זיין דענקען — בילדעריש און זיין האנדלונג — סימבאליש. זייער דיכטערישע שאפונג אנטהאלט אין זיך יעדע ליטעראַרישע פאָרם, כאָטש די שטארקייט ליגט דוקא אינם הוילן וואָרט. בלויז יחזקאל איז געווען מער שריפטשטעלער ווי רעדנער, האָט אפשר דערמיט די נבואה פארלאָרן א סך פון איהר פּאטאס.

די געטלעכע אנטפּלעקונג ביי די נביאים איז די פּרוכט פון דער אינווייניקסטער אנטפּלעקונג פון דעם אייגענעם באוואוסטזיין, פון דער אייגענער גייסטיגקייט. דער נביא דערזעהט פאר זיך גאָר די וועלט, דעם מענשן און די נאטור, די מעשה בראשית און באשטימטע אָרדענונג, די פראגן און פּראבלעמען און ער קומט צו דער אייגענער אנטפּלעקונג, ניט קיין ארויפגעצוואונגענע און ניט קיין בלינד־סטיכישע.

די אידישע נביאים האָבן קיין גלייכן אין דער גאנצער וועלט געשיכטע. זיי האָבן דעם אייגענעם לעבן געווידמעט אין קאמף קעגן אלץ וואָס איז ניט אמת׳דיק, ניט גערעכט, ניט יושר׳דיק, ניט עטיש און ניט גייסטיק. זיי זיינען אלע געווען אומקאָמפּראָמיסלעכע קעמפער, ווייל אויך זייער גאָט, דער אידישער גאָט, איז אבסאלוט און פולשטענדיק, אָן פּניות און נטיות, אָן פּערזענלעכע אינטערעסן און קאפּריזן. קרבנות און כשוף, מתנות און תפילות, קאנען ניט ענדערען דעם גערעכטען משפּט. בלויז די גייסטיגע דערהויבונג, די אינווייניגסטע פּיעטעט, די שלמות׳דיגע עטיש־

קייט, די אומבאַגרענעצטע ליבע, די אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט, די פּרייסטע יושר׳דיקסטע אָרדענונג, קאָן דערוועקן דעם געטלעכן חסד.

די אידישע נביאים האָבן ניט געהאַט קיין פֿאַוואָריטן, און האָבן אומברחמנות׳דיק געשטראָפֿט זייער אייגען פֿאָלק, זייערע אייגענע פֿירער, זייערע כהנים און פּריסטער, זייערע אינסטיטוציעס און ריטואַלען. זייער גאָט גופא איז ניט קיין בלינדע סטיכישע קראַפֿט, נאָר א סאָציאַל־עטישער כח וואָס ווירקט וועדליק פֿעסט באַשטימטע מידות לטובת דער גאַנצער מענשהייט.

יעדער איינצעלנער נביא שטייט מיט ביידע פֿיס אויפֿן רעאַלן באָדן, און אין צענטער פֿון זיין וועלט אַנשויאונג שטייט די געזעלשאַפֿט־לעכע ווירקלעכקייט. אַפֿילו דער עצם אמונה איז בלויז א געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונג. די נביאישע באַציאונג צו דער אמונה, איז ניט ווי צו אן אַבסטראַקטן אמת. וועדליק די נביאים, און אויך וועדליק דעם תלמוד, קאָן דער אמת קיינמאָל ניט זיין הוילע אַבסטראַקציע. דער אמת׳דיקער אמת איז דער לעבן, דער אמת וואָס דערפֿירט צום לעבן. גאָט און מענש, הימעל און ערד, גשמיות׳דיק און רוחניות׳דיק, ערדיש און גייסטיק — אַלץ איז אן אומטיילבאַרער חלק פֿונם מענשלעכן וועזן. הא בהא תליה — איינס איז געווענדט אינם אַנדערן. איינס אָן דעם אַנדערן קאָן ניט לעבן.

די געטלעכע אַנטפּלעקונג ביי די נביאים איז די פּרוכט פֿון דער אינווייניקסטער אַנטפּלעקונג פֿון דעם אייגענעם באַוואוסטזיין, פֿון דער אייגענער גייסטיגקייט. דער נביא דערזעהט פֿאַר זיך גאָר די וועלט, דעם מענשן און די נאַטור, די מעשה בראשית און באַשטימטע אָרדענונג, די פֿראַגן און פּראָבלעמען, און ער קומט צו דער אייגענער אַנטפּלעקונג, ניט קיין אַרויפֿגעצוואונגענע און ניט קיין בלינד־סטיכישע.

דר. יצחק אונטערמאַן

שמואל

ווען די אידן האָבן אונטער דער פירערשאפט פון יהושע אריינ־געוואנדערט אין כנען, זיינען נאָך דאָרטן פארבליבן וואוינען א סך פון די געצנדינערישע פעלקער. כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע מלחמות, האָבן די אידן זיך באמיט צו זיין צו זיי חבריש און פריינטלעך, זיך מיט זיי מתחתן געווען און אפילו איבערגענומען א היפש ביסל פון די פרעמדע מנהגים.

די זקנים, וועמען יהושע האט וועדליק דער טראדיציע איבערגע־געבען די תורת משה, זיינען געווען מאכטלאָז קעגן דעם ווילדן שטראָם פון הפקרות און אסימילאציע, געצענדינעריי און עם הארצות. קיין אחדות איז צווישן די שבטים ניט געווען, האָט יעדער באזונדער שבט געזוכט צו דערהאלטן זיין קיום דורך פארוואנדשאפט מיט די פרעמדע פעלקער און אימיטירונג פון זייערע געצנדינערישע מנהגים. אפילו די פרומערע צווישן די אידן האבן אויך צומישט די תורת משה מיט דעם געצנדינסט. ס'איז געווען א געמיש פון ליכט און פינסטערניש, און אויף די וועגן און שטעגן האט מען געזען מזבחות צו די געטער בעל און עשתרות.

די דאָזיקע מחותנתשאפט האט אבער ווייניק וואס געהאָלפן, און די איינגעזעסענע פעלקער זיינען פארבליבן אייביקע שונאים און געפירט בסדר'דיקע מלחמות מיט די אידן, דאמאלט איז אנטשטאנען די תקופה פון שופטים, דרייצן אין צאָל, וועלכע האָבן אָפט באוויזן צוריקצושלאָגן די פיינטלעכע אטאקעס. לאנג האט אבער די ישועה ניט אנגעהאלטן, און די אידישע שבטים זיינען אלץ פארבליבן צוטיילט און אָפגעזונדערט. אפילו אזוינע גיבורים ווי יפתח און דבורה האָבן דעם אידנטום ניט פאראייניקט און ממילא אויך ניט פארניכטעט די שונאים.

אין די דאָזיקע צרות און מלחמות האט זיך אבער דער אידישער גייסט דאָך ביסלעכווייז אויסגעקריסטאליזירט, און די אידישע שבטים האָבן זיך גיך ארומגעזען אז די חברשאפט מיט די שכנישע פעלקער האָט זיי קיין גוטס ניט געבראכט. א געפיל פון חרטה האָט אלעמען ארומגעכאפט, און שילה, וואו ס'איז געשטאנען דער משכן פון גאָט,

איז ווידעראמאָל געוואָרן דער אידישער גייסטיקער צענטער. דאָרטן האבען זיך אויפגעהאלטן די כהנים און לויים, און זיי האבען זיך מיט אלע כחות נאָך געקלאמערט אָן דער ריינער עטיש־גייסטיקער דינסט פון תורת משה. שילה איז געוועזן ריין פון יעדער געטשקע, און בלויז דער תורה־גייסט איז געוועזן הערשנדיק.

די אידישע נבואה איז תמיד געקומען צום לעבן דורך א פאטא־לישן איבעררייס אינם אידישן פאָלקס לעבן. דער איבעררייס אין שמואל׳ס צייטן איז געוועזן דער פולשטענדיקער חורבן פון שילה, דער ערשטער חורבן אינם אידיש־נאציאנאַלן לעבן. די תקופה פון די שופטים איז געוועזן פארענדיקט, און די פירערשאפט איז איבערגענומען געוואָרן דורך די כהנים. זיי זיינען געוועזן די אויטאריטעטן, און דער ארון הקודש — דער סימבאָל פון דער אידישער גאנצקייט און איינינקייט.

שילה איז אָבער געפאלן דורך די הענט פון די פלישתים און דער ארון הקודש איז אוועקגענומען געוואָרן. עלי דער כהן גדול, וועלכער איז געוועזן דער באליבטסטער פירער זינט משה און יהושע, איז גע־שטאָרבן פון ווייטיק און צער און זיינע צוויי זין זיינען געפאלן אין דער מלחמה. דער אָנזען פון די כהנים איז געפאלן, און דערמיט אויך די גאנצקייט און איינינקייט. ס׳איז מער ניט געוועזן קיין אוי־טאריטעט, קיין אינהאלט און אָנהאלט. אינם אידישן פאָלקס־לעבן איז פאָרגעקומען א פולשטענדיקער אינערלעכער חורבן. און די אידן האָבן מיט פארצווייפלונג געווארט אויף דעם אויפשטייענדיקן פירער, וואָס זאָל ווידעראמאָל באפעסטיקן זייער רו און זיכערקייט.

אינם קליינעם שטעדטעלע רמה, אין די בערג פון אפרים, איז דער נייער פירער געבוירן געוואָרן. זיין פאָטער, אלקנה, איז געוועזן א פשוטער ערד־ארבעטער און זיך מיט קיין זאך ניט אויסגעצייכנט. ווי אלע אידישע ערד־ארבעטער, איז ער געוועזן שטארק צוגעבונדן צו גאָט׳ס הויז אין שילה, וואו ער פלעגט אין די גרויסע ימים טובים עולי רגל זיין און ברענגען זיין מתנה צו גאָט. האָט אָבער אין זיין הויזגעזונט געהערשט א טראגעדיע, וואס האט די פרייד אין גאנצן צושטערט. זיין ווייב, פנינה, איז געוועזן געבענשט מיט קינדער, וואס האבן געאקערט, געזייט און געשניטן אין פעלד, און האָבן דאריבער נאָך זיין טויט באדארפט זיין די יורשים פון דער נחלה. זיין געליבט ווייב אָבער, חנה, איז געוועזן אן עקרה, א פרוכטלאָזער בוים, און צו זיך ניט צוגעלאָזן קיין טרייסט.

בענקנדיק און גארנדיק נאָך א קינד, א זכר נאָך איר, גייט חנה קיין שילה דאָרטן אויסצוגיסן איר ביטער הארץ פאר גאָט און גיט א נדר, אז „זאָל איר גאָט בענשן מיט א זון, וועט זי אים אויף זיין גאנצן לעבן אוועקשענקען צו גאָט". חנה האָט טאקע געבוירן א זון, און אים גערופן: שמואל — גאָט האָט צוגעהערט מיין געבעט.

שמואל זייענדיק איינער פון משפחת לוי, איז פארבליבן דינען אין משכן ווי איינער פון די פילע יונגעלייט, וואָס דערפילן טאָג־טעגלעך די ארבעט: עפענען און פארשליסן די טויערן, צוגרייטן די קרבנות און אָפט אויך זיין אויף דער וואך א גאנצע נאכט.

שמואל איז אָבער קאָנטיק געווען באשאפן צו עפּעס גרעסערס. זיין מוטער האָט אים איבערגעגעבן איר ריינע און הארציקע נאטור, און פון די היימישע פעלזן און הויכע שטאָלצע בערג פון אפרים האָט ער איבערגענומען די פעסטקייט פון כאראקטער. ער איז געווען אוועקגע־שאָנקען צו גאָט, און דאריבער ניט געקענט פארטראָגן די אומגערעכ־טיגקייטן ארום זיך. אין די לאנגע שלאָפלאָזע נעכט צערייסט זיך זיין הארץ, און ער פרעגט ביי זיך: דארף טאקע גאָט האָבן די געקווילעטע קעלבער און שעפּסן? מוז עס טאקע גאָט האָבן א באזונדער געצעלט אויף דער ערד?

שמואל דערפילט דעם שקר פון די אומערלעכע כהנים, און אין איינער פון די נעכט דערהערט ער פלוצים דעם רוף צו זיין א נביא און צו קעמפן דעם קאמף פאר גאָט און זיין פאָלק. אין אים ווערט דאמאָלט צייטיק דער געדאנק, אז ניט צוליב די פעטע בהמות האָט גאָט ארויס־געפירט זיין פאָלק פון מצרים, נאָר כדי צו לעבן אין יושר און רחמנות. גאָט ווערט ביי אים דער אידעאַל, די צענטראַלע אידייע, און ניט דער טעמפל אין שילה.

אָפן און פריי אנטדעקט ער זיין געטלעכע דערקענטעניש און ווארנט אלעמען מוטיק, אז אויך שילה וועט פאלן און צוזאמען מיטן משכן וועלן אומקומען אלע אומערלעכע כהנים.

שמואל ווערט, ווערליק דער אידישער טראדיציע, אנגערופן א נביא, ער אליין רופט זיך אָבער נאָך „רואה" — דער פאראויסזעער. אין זיין צייט האָט נאָך די נבואה ניט געהאט איר באשטימטן כאראקטער און האָט נאָך ניט געהאט איר קלאָרע און בולטע פאָרם פון די שפּעטערדיקע נביאים.

אין תנ"ך רעדט זיך שוין אפילו וועגן א מחנה נביאים, וועלכע פלעגן ארומגיין איבערן לאנד און זינגען און שפילן רעליגיעזע שירים. אָבער בלויז ביי שמואל'ן געפינען זיך עטלעכע פון די הויפּטשטריכן פון דער פולשטענדיק אנטוויקלטער נבואה.

די זעלבע עלעמענטן און סיטואציעס וואָס האָבן באשאפן רע־ליגיעס צווישן די פעלקער אויף דער וועלט, האָבן אויך באשאפן דעם זעער, דעם פארמיטלער צווישן גאָט און די מענשן. די אידישע נבואה האָט דאריבער אין אָנהויב געהאט די זעלבע אלגעמיינע כאראקטער שטריכן ווי די רעליגיע: עקסטאז, התלהבות, באגייסטערונג, פּאטעטישן געזאנג, נזירות און אפזונדערונג אין א באזונדערער קאסטע.

אפילו שמואל, וועלכער האָט שוין רעפּרעזענטירט א באשטימטן פאָרשריט אינם פּראפעטישן כאראקטער, ווערט נאָך אלץ ביים ברייטן עולם פארעכנט פאר איינעם וואָס באזיצט א געהיימע קראפט אויסצו־געפינען פארלאָרענע זאכן. ווען ביי שאול'ן זיינען פארלאָרן געגאנגען די אייזלען, איז ער אוועק צום נביא מיט א מתנה אין דער האנט אויס־צוגעפינען וואו ער קאָן זיי געפינען. קאָנטיק, אז דער דאָזיקער בליק אויפן נביא איז געווען אזוי שטארק איינגעלעבט אין פאָלק, אז שמואל האָט זיך פון דער דאָזיקער ראָל ניט געוואָלט אָפּזאָגן כאָטש ער איז שוין ווייט ניט געווען קיין מעכאנישע קראפט אָן א מאראלישע באציאונג אין זיינע נביאות.

די סיבה וואָס די אידישע נבואה האָט זיך אנטוויקלט פון זיין פרימיטיוויטעט צו א גרויסער עטישער קראפט, איז די זעלבע וואָס האָט דערהויבן די אידישע אמונה צו דער הויכער פּאָזיציע איבער די פּאגאַ־ניסטישע געטער. ס'איז געווען דער געפיל, באגריף און דערקענטעניש פון יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיגקייט. די געשיכטע פון רעליגיעס באַ־ווייזט, אז מענשן האָבן אָפט געגלויבט אז רעליגיע איז רעליגיאזיטעט. זיי האָבן אָפט געגלויבט און גלויבן נאָך איצטער, אז גאָט איז הויפּט־זעכלעך פאראינטערעסירט אין פרומקייט, אין קרבנות און תפילות, אין מצוות בין אדם למקום און אין רעליגיעזער דבקות. די פּאגאניסטישע געטער זיינען קיינמאָל ניט ברוגז געוואָרן אויף זייערע פאווארטיטן אויב זיי זיינען באגאנגען אן עולה אָדער רציחה קעגן א מענשן.

אפילו ביי אידן זיינען דאמאָלט געווען בלויז געציילטע וואָס האָבן תופס געווען דעם באגריף פון אבסאלוטער גערעכטיגקייט ווי א

געטלעכער אטריביוט. איינער פון די דאָזיקע איז געווען שמואל הנביא, און נאָך אים האָט זיך שוין געצויגן איבער דער אידישער געשיכטע א לאנגע קייט פון נביאים און רעליגיעזע פירער וואָס האָבן פארפיינערט און געריייניקט אָט דעם דאָזיקן באגריף און געקעמפט פאר זיין קיום מיט דער ביטערסטער עקשנות.

אינם סאַמע אָנהויב פון חורבן שילה נעמט זיך ביים יונגן שמואל אויסוועבן דער נביאישער גייסט. ער פארשטייט שוין דאמאָלט אז גאָט איז ניט דוקא אין ארון הקודש, אזן ניט דוקא אין די קרבנות און ריטואַלן. אינטואיטיוו דערפילט ער די אמתע געטלעכע דערקענטעניש און דעם געטלעכן מהות: יהוה איז גייסט, געדאנק, געפיהל, דערהויבנקייט, די ריינסטע עטיק, די פולשטענדיקסטע גערעכטיגקייט.

שמואל איז ניט געוואָרן דער אידישער מלחמה פירער. שמואל איז געווען א נביא בישראל און געזאָרגט פאר דער גייסטיקער אייניג־קייט, פאר דער גייסטיקער דערהויבנקייט, און דאָס דאָזיקע האָט שוין ממילא דערפירט צו א פאראייניקטער נאציע.

צוזאמען מיט דער נאציאָנאַלער פאראייניגונג זיינען אָבער אין משך פון יאָרן ארויפגעשוואומען נייע פראבלעמען אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפיגלט די אינערלעכע טראגעדיע פונם ערשטן פאקטישן נביא ביי אידן. שמואל איז געוואָרן אַלט, און די אָנפאלן מצד די פיינטלעכע פעלקער האָבן זיך פארשטארקט. די שטענדיקע שונאים, די פלישתים, זיינען ווידעראמאָל אויפגעריכט געוואָרן און אויך די עמונים זיינען געוואָרן חוצפה׳דיק און געפאָדערט אז יעדער איד זאָל זיך לאָזן אויס־שטעכן אין אויג ווי א סימן פון אייביקער קנעכטשאפט.

און אָט דאמאָלס איז אינם אידישן לעבן אנטשטאנען א נייע אינסטיטוציע, די אינסטיטוציע פון א מלך, וועלכע האָט צוזאמען מיט דער נבואה־אינסטיטוציע אָנגעצייכענט א שפּאָגל נייע ווענדונג אין דער אידישער געשיכטע.

די אידן האָבן זיך גענויטיקט אין א מלחמה פירער, און זיי האָבן שמואל׳ן געבעטן באשטימען איבער זיי א מלך. שמואל איז אָבער געווען א פרינציפּיעלער קעגנער פון א קעניג און גענוי געוואוסט די נעגאטיווע זייטן פון אזא אינסטיטוציע. אים האָט בכלל געערגערט די טענה פון „והיינו ככל הגויים — מיר זאָלן זיין ווי אַלע פעלקער". שמואל ווארנט די אידן, ווארנט זיי שטארק, אָבער דאָס פאָלק איז עקשנות׳דיק. די סכנה איז גרויס, און די נויטיגקייט פון א צענטראלער מאכט איז

אומבאדינקט. שמואל קווענקלט זיך, שלאָגט זיך מיט דער דעה, אָבער ער גיט נאָך און שאול ווערט אויסגעקליבן.

שמואל האָט אייגנטלעך גאָרניט געהאט קעגן שאול'ן. פארקערט, ער איז אים געווען געפעלן און האָט אים אפילו ליב געהאט. האָט אָבער שאול שפעטער ניט פינקטלעך אויסגעפאלגט גאָט'ס א באפעל, און ער איז אים געוואָרען א ביטערער שונא. שאול איז ארוים אין מלחמה קעגן עמלק, און שמואל האָט אים אָנגעזאָגט ניט ארויסצואווייזן דעם שונא דעם מינדעסטן רחמנות געפיל נאָר אים פולשטענדיק צו פאר־ניכטן, אפילו די שאָף און רינדער, פעלדער און וויינגערטנער. און דאס דאָזיקע האָט שאול ניט אויסגעפאלגט. דעם נביא האָט אזוינס שטארק פארדראָסן — אינם לעבן פון א פאָלק וואָס זוכט זיך צו דערהאלטן איז ניטאָ קיין אָרט פאר רחמנות און פשרות. אפילו די תירוצים וואָס שאול האָט אנגעגעבן, זיינען געווען להיפוך דעם אידישן גייסט. שאול האָט זיך פארענטפערט: „לזבוה ליהוה אלהיך בגלגל — די שאָף און רינדער זיינען אפגעראַטעוועט געווארן כדי זיי צו קוילענען פאר גאָט". שמואל האָט אָבער שוין געהאט דעם בליק פון די שפעטערדיקע נביאים, אז גאָט פארלאנגט ניט אזעלכע קרבנות. דער נביאישער געדאנק איז אויך געווען, אז א מלחמה דארף בלויז זיין פאר פארטיידיגונגס צוועקן אָבער ניט פאר דעראָבערונג.

שמואל איז אין זיין אנשויאונג געבליבן פעסט, פולשטענדיק דורכ־געפירט זיין נביאישע שליחות און אוועקגעלייגט דעם גרונט יסוד אויף וועלכן די נאָכקומנדיקע נביאים האָבן געבויט זייערע בנינים.

נתן און אחיה

וועגן דער ווירקונג פון נתן הנביא ווערט אין תנ"ך ווייניק דערציילט, און מען ווייסט דעריבער ניט וועלכער צופאל ס'האָט אים דערוועקט צו ווערן א נביא בישראל. דער איינציקער פאל וואָס ווערט וועגן אים דערציילט, איז דער שאַרפער ארויסטריט קעגן דעם אידישן מלך דוד פאר לאָזן טויטן זיין קריגס פירער אוריה החתי און הייראטן זיין פרוי בת שבע.

די רעליגיעזע ליטעראטור גיט אָן א סך תירוצים דורך וועלכע דוד ווערט פאקטיש פארהייליקט, אָבער אין די אויגן פונם נביא איז עס געווען א הימלשרייענדיקער פארברעכן וואָס ער האָט ניט פארשוויגן. און אָט דער דאָזיקער ארויסטריט זיינער, בארעכטיקט אים שוין צום זכות פון אַ נביא. זיין פאראבל וועגן א רייכן מאן וואס האָט אוועקגערויבט פון זיין ארימען שכן דאס איינציקע שעפעלע, איז אן אמתער פערל ניט בלויז אין תנ"ך נאָר אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור. דער אויספיר פון פאראבל ווען דוד המלך דערקלערט אז אזוינעם דארף מען טוידטן און דער נביא שרייט אוים: „אתה האיש — דו ביסט עס דער מאן", איז דער שארפסטער אויסדרוק קעגן א מעכטיקן מלך.

דוד האָט זיך ניט פארענטפערט, ניט געפרובירט בארעכטיקן זיין טאט, נאָר דערקלערט זיין זינד און גענומען אויף זיך א תשובה. דער נביא האָט זיך אָבער דערמיט ניט בארואיקט, נאָר אים פאראויסגעזאָגט א סך צרות און ליידן וואָס איז אויך מקוים געוואָרן.

נתן הנביא איז קאָנטיק ניט געקומען אין דירעקטער בארירונג מיט די פאָלקסמאסן, ער האָט צו זיי ניט גערעדט און פאר זיי ניט נבואה געזאָגט. ער האָט געהערט צו דער גרופע הויף־נביאים, וואָס זיינען געווען א טייל פון די הויפליט און זיך אָפגעגעבן מיט דער פאליטיק און מלוכה. אזוי זעען מיר דעם נביא נעמענדיק אן אקטיוון אנטייל אין דער פאָליטישער הויף־אינטריגע פון באזייטיקן אדוניהו און ארויפזעצן שלמה'ן אויפן כסא המלוכה. דוד האט בכלל זיך תמיד צוגעהערט צום נביא'ס רייד און אויסגעפאָלגט אלע זיינע עצות און באפעלן. דער זעלבער שלום האָט אויך געהערשט צווישן דעם נביא און שלמה, כאָטש

ס'איז ניט געווען באוואוסט ווי לאנג ער האט געלעבט אונטער שלמה'ס הערשאפט.

דער נביא וואס איז אויפגעשטאנען קעגן די נייאיגקייטן וואס שלמה האט אין לאנד איינגעפירט, איז געווען אחיה השילוני. ניט בלויז איז ער ארויסגעטראטן קעגן די פרעמדע געטער פאר וועמען שלמה האט אנגעהויבן בויען מזבחות אין ירושלים, נאר אפילו קעגן בית המקדש.

אחיה איז געקומען פון שילה, וואו ס'איז אמאל געשטאנען דער משכן און באדינט געווארן פון דעם פרומען און גערעכטן כהן גדול, עלי. דער דאזיקער משכן האט צוגעגעבן א געוויסן שטאלץ און כח צום שבט אפרים. זיי האבן נאך גוט געדענקט די אמאליקע גרויסקייט און ערנסט־קייט, און האבן זיך געפונען אפגענארט מיט דעם אופן ווי שלמה המלך האט אנגעהויבן בויען דעם בית המקדש אין ירושלים.

שוין אין דער צייט פון דוד המלך, האט זיך געפילט א באוועגונג קעגן דער מלוכה. אין דער רעוואלוציע פון שמעון בן גרא און אין דעם אויפשטאנד פון אבשלום האבן זיך באטייליקט א סך פון די פאלקסמאסן. דאמאלט האט עס אבער געטראגן א ריינעם דינאסטישן כאראקטער. גע־קעמפט האט מען ניט צוליב עקאנאמישע און סאציאלע ענדערונגען, נאר צוליב ענדערונגען אין דער דינאסטיע. אין סוף פון שלמה'ס צייטן האט זיך דער פאלקס צארן אזוי צעוואקסן, אז מען האט צום ערשטן מאל פארווארפן מיט שטיינער דעם מלוכישן שטייער באאמטן.

שלמה האט געלעבט א פארשווענדעריש לעבן, זיך געבויט פאלאצן און דערווארבן רייכטימער אויפן כנענישן און מצרישן אופן, און ממילא געריסן גרויסע שטייערן פון די פאלקסמאסן, די פשוטע ערד ארבעטער. דאך האט מען אים געדולדעט צוליב זיינע גרויסע פארדינסטן פארן לאנד. שלמה האט איינגעפירט א פולשטענדיקע ציוויליזאציע, אנטוויקלט די קאלאניזאציע אויפן ברייטסטן אופן, איינגעפירט א גאר גרויסן האנדל מיט פעלקער און לענדער, אויסגעברייטערט די גרענעצן פון לאנד, אונ־טערטעניקט מלכים און פירשטן, און דאס דאזיקע האט באשאפן א גרויסע שפע פון וועלכן אלע האבן גענאסן.

מיט דער צענטראליזאציע פון דעם מלוכה פארמעגן אין ירושלים, אין דער צפון טייל געבליבן עקאנאמיש הינטערשטעליק, און די אומצופרידנקייט האט נאר געווארט אויף א גינסטיקער געלעגנהייט אויס־צוברעכען אין א שטורם. די דאזיקע געלעגנהייט איז געקומען נאכן

טוידט פון שלמה המלך. ירבעם בן נבט האָט זיך עפענטליך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ רעוואָלוציע, און מערקווירדיק, גאָר די נביאים און גייסטיקע פירער שליסן זיך אָן אין דער רעוואָלוציע, גיבן דעם פירער אַ סך מוטיגקייט אין נאָמען פון יהוה, און באַטראַכטן אים ווי זיין געזאַלבטן.

אחיה השילוני איז געווען דער הויפּט איניציאַטאָר פון דער רע־וואָלוציע. אודאי האָט ער געהאַט זיינע רעליגיעזע מאָטיוון: „למען הקים את דברו אשר דבר יהוה ביד אחיה השילוני אל ירבעם בן נבט (מלכים א׳ י״ב, ט״ו) — כדי אויפצושטעלן די רייד וואָס גאָט האָט גערעדט דורך אחיה השילוני צו ירבעם בן נבט״, אָבער קאָנטיק אַז ער איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אינם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מאָטיוו פון דער רעוואָלוציע. אחיה האָט אליין געהערט צום צפון טייל פון לאַנד און איינגעזען די נויטיגקייט פון עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען.

משמעות, אַז סיי דער נביא און סיי די רעוואָלוציאָנערע פירער האָבן לכתחילה בלויז בדיעה געהאַט אויסצעווירקן „גרינגער צו מאַכן דעם יאָך פון זייער האלז״, אָבער ווען ער האָט קלאָר דערזען די סתירה צווישן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די צוויי טיילען פון לאַנד, האָט דער נביא שוין צוגעשטימט אויך צו דער פּאָליטישער איבערקערעניש און צוטיילונג פון דער מלוכה.

ווען די צפון מלוכה איז שוין געווען האלב באַפעסטיקט, האָט דער שלום צווישן דעם ישראל׳שן מלך, ירבעם בן נבט, און דעם נביא אויפגעהערט. אחיה האָט זיך ארומגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ ביטערן טעות מיט זיין אויסוואַל און די טראַגעדיע זיינע איז געווען גרויס וואָס ער האָט ניט געקענט, ווי שמואל אַמאָל, אַוועקנעמען די מלוכה פון זיין אויסגעווײלטן. אחיה איז געווען אַ געטרייער תלמיד און נאָכפאָלגער פון דער תורת משה און האָט געוואָלט אַ אידישקייט אין איהר גאַנצער ריינקייט און גאַנצקייט. ירבעם איז עס אָבער ניט געווען. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער באַרייכערונג פון זיין לאַנד, און האָט געזוכט אָפּצושוואַכן דעם רעליגיעזן צענטער אין ירושלים. ווען אחיה האָט דערזען ווי ירבעם האָט זיך אָפּגעקערט פון דער גייסטיקער ריכטונג פון תורת משה, האָט ער זיך פון איהם דערווייטערט און צוריקגעקערט קיין שילה וואו ער איז פאַרבליבן אַ פאַרגעסענער און פאַרלאָזענער.

ירבעם האָט אויפגעבויט אן אייגענעם טעמפּל אין בית־אל, איינ־געפירט נייע ימים טובים, און ביסלעכווייז פארוואנדלט דעם רעליגיעזן קולט אין א מין געצנדינסט וואָס ער האָט איבערגענומען פון די פרעמדע פעלקער. די עקאָנאָמיק פון זיין לאנד איז געווען הויפּטזעכלעך אָפּ־העגגיק אָן די פילע אויסלענדישע קאראוואנען, און ממילא האָט זיך שוין אויך געשפּירט די השפּעה פון דער ארומיקער קולטור אויפן ישראל׳שן לעבן.

אחיה האָט זיך ארומגעזען אז ער האָט ניט געפונען דעם ריכ־טיקן אויסוועג. דער סעפּאראטיזם האָט דעם עקאָנאָמישן קריזיס פיל ניט פארלייכטערט, און אודאי האָט דערפון געליטן אויך די נאציאָנאל־גייסטיקע אייניגקייט און שטארקייט. די נבואה באוועגונג האָט דאָ דערליטן אן אידעאָלאָגישן חורבן, און איז אויף א צייט לאנג אראָפּ פון דער ארענא.

בלויז איין איינציק מאָל נאָך דערשיינט אחיה אין דער ראָל פון א נביא. דאָס איז ווען די פרוי פון ירבעם קומט צו אים פארשטעל־טערהייט פרעגן וועגן דעם גורל פון איהר קראנקען זון. ווען אחיה האָט דערהערט איר אָנקום, האָט ער געזאָגט:

„קום, ירבעם׳ס ווייב, וואָס פארשטעלסטו זיך? גיי זאָג ירבעם׳ן: אזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: ווייל איך האָב דיך דערהויבן פון פאָלק און געמאכט פאר א געוועלטיקער איבער מיין פאָלק ישראל, און האָב אָפּגעריסן די מלוכה פון דוד׳ס קינדער און דיר זי איבערגעגעבען: אָבער דו ביסט ניט געווען ווי דוד מיין קנעכט, וואָס האָט געהיט מיין געבאָט און געגאנגען נאָך מיר מיט זיין גאנצן הארצן צו טאָן בלויז וואָס גערעכט איז אין מיינע אויגן, נאָר דו האָסט געטאָן ערגער פון אלע וואָס זיינען געווען פאר דיר. דאריבער ברענג איך שלעכטס אויף ירבעם׳ס הויז און איך וועל עס אויסראמען ווי מען ראמט אוים מיסט ביזן דעק. ווער ס׳וועט שטארבען ביי ירבעם׳ן אין שטאָדט, וועלן אים עסן די הינט און ווער ס׳וועט שטארבן אין פעלד, וועלן אים עסן די פויגל פון הימל, ווייל אזוי האָט גאָט גערעדט. און דו לאָז זיך גיין אהיים; ווען דו וועסט אָנקומען אין שטאָדט, וועט דיין קינד שטארבן און גאנץ ישראל וועט אים באקלאָגן און באגראָבן, ווייל נאָר ער אליין וועט ביי ירבעם׳ען קומען צו קבר ישראל; אין אים געפינט זיך נאָך עפּעס גוטס. גאָט וועט אויפשטעלן אן אנדער מלך איבער

ישראל, וועלכער וועט פארטיליקן ירבעם'ס הויז דעם דאָזיקן טאָג און אפשר אפילו איצטער.

אחיה איז ניט געגאנגען צו ירבעם'ען אים שטראָפן, נאָר געוואַרט אויף א צופאל. דער נביא האָט זיך געפילט א צובראָכענער און אנ־טוישטער, און אין איינזאמקייט געזוכט פאר זיך נייע וועגן.

אליהו און אלישע

א גאַנץ אַנדערער טיפּ איז אליהו. ער איז דער געהיימניספול־סטער און פּאָלקסטימלעכסטער צווישן אַלע נביאים. אליהו איז ניט געווען קיין הויף־נביא, און האָט זיך ניט אַנגעקערט מיט דער קעניגלעכער סוויטע און זייער פּאָליטיק. ער איז אַנטשטאַנען פון די ברייטע פּאָלקס־מאַסן און צווישן זיי האָט ער געווירקט און געווען טעטיק.

זיין פאַרגאַנגענהייט איז איינגעוויקעלט אין אַ נעפּל, און אפילו די פילע לעגענדן וואָס האָבן זיך אַרומגעוועבט אַרום זיין פּערזענלעכקייט האָבן ניט אויפגעהיט די פאַקטן פון זיינע יאָרן איידער ער איז דערשינען פאַרן פאָלק. בלויז דאָ און דאָרטן זיינען צעוואָרפן דינענקע פּעדימלעך, וואָס בינדן אים צונויף מיט זיין יוגנט.

אליהו איז געווען פון תשבי, וואָס געפינט זיך אין גלעד, דער געגנט פון נאַטור־קאָנטראַסטן און סאָציאַלע קאָנפליקטן, פון פּרימיטיוון פּאַסטוכער־לעבן און קאָמפּליצירטע פּאָליטישע פּראָבלעמען. גלעד איז געווען אַן אָפּגעזונדערטער געגנט, פאַרשלאָסן צווישן די וואַלד־בערג און די ירדן־ברעגן. די איינוואוינער זיינען מערער געווען מדבר־מענשן, האַלבע נאָמאַדן, וואַנדערנדיק אָפּט מיט זייערע סטאַדעס אין די עקסטרעמע ווינקעלעך פון דער היים־זוניקער ווילדערניש. אין תנ״ך ווערט ער געמאָלן ווי אַ „איש בעל שער ואזור עור אזור במתניו״, ווי אַ מענש באַוואַקסן מיט האָר און אַ גאַרטל אַרום די לענדן — אַ סימבאָל פון פאַרשקלאַפונג צו די גרויס־שטאָטישע ערד באַזיצער.

פּאָליטיש איז דער געגנט געווען אַ שטענדיקער קאַלך־אויוון. ליגנ־דיק האַרט אויף די גרענעצן פון לאַנד, האָט דער געגנט געדינט פאַר אַ פּרובירשטיין פון יעדער פיינטלעכער אַוואַנטורע. אין די דאָזיקע אָנפאַלן איז דער קליינער גוטס־באַזיצער געווען דער גרעסטער קרבן. די רייכע האָבן פאַרכאַפּט דעם באָדן, און די ברייטע מאַסן זיינען פאַרבליבן פאַר־אָרימט און פאַרשקלאַפט.

צווישן די דאָזיקע סתירות איז אַרויסגעוואַקסן דער נביא, וועלכער האָט די נבואה ווידער אויפגעלעבט נאָך אַ שטילשווייגן פון בערך פופציק יאָר און איר אַרויסגעפירט אויפן וועג פון אָפענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

קיין כתבים ווי משה, דוד און די נביאים אחרונים, די שריפט־נביאים, האָט אליהו ניט איבערגעלאָזן און זיין לעבן ווי זיין פאַרשווינדן איז איינגעוויקלט אין סודות. ס'איז אפילו דאָ א חלוקי דעות צי וועלכן שבט ער האָט געהערט. א סך קאָמענטאַרן פּשט'לען אויס, אז אליהו איז ניט געווען זיין אמתער נאָמען, נאָר א צו־נאָמען: אלי יהוה — יהוה איז מיין גאָט.

אליהו איז געווען דער צווייטער גרעסטער נביא נאָך משה רבנו אָנצופירן דעם קאמף קעגן דעם געצנדינערישן בעל־קולט, און געקעמפט האָט ער קעגן דעם מעכטיקן קעניג, אהאָב. דער האנדל צווישן די אידן און די ארומיקע פעלקער איז געווען שטארק אנטוויקלט, און די האנדלס־פאַרבינדונגען האָבן אויך געפירט צו פּאָליטישע קאמבינאציעס און אסימילאציע. אהאָב, וועלכער איז געווען א שוואכלינג, איז געווען אונטערן איינפלוס פון זיין פרוי איזבל, די טאָכטער פון א כנענישן קעניג. זי האָט געהאט א פעסטן, געוויסנלאָזן כאראקטער, און געווען אנטשלאָסן אויסצולעשן דעם שוואך־צאנקנדיקן אידישן פייער. זי האָט אויסגעהרגעט אלע אידישע נביאים, אלע שטרענג גלויביקע אין יהוה, און איינגעפירט דעם בעל־קולט.

בעל מיינט אן איינגנטימער פון א זאך, א מאן פון א פרוי. די דאמאָלסטיקע פעלקער האָבן זייער גאָט גערופן „בעל", ווייל ער איז געווען דער איינגנטימער פון א געגנט אָדער געגנשטאנד. די געטלעכע קראפט איז אויך געווען צוטיילט אין א מאן און אין א פרוי, וועלכע איז געווען די געטין פון פרוכטבארקייט, עשתרות אָדער אישטאר. דעם אידן איז אזא קאָנצעפּציע געווען פרעמד, פונקט ווי ס'איז אים געווען פרעמד דער באגריף פון פריוואט איינגנטום. די ערד האָט געהערט צו דער משפחה, צום שבט און צו גאָט. יהוה איז נאָך אלץ געווען דער אידישער גאָט, כאָטש ער איז געוואָרן אויסגעמישט מיט פּאַגאניזם. די ברייטע מאַסן האָבן דאריבער געשטורעמט קעגן דעם מלך אהאב און זיין פרוי איזבל.

אליהו איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע:

„און עס איז געווען נאָך פיל טעג, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אליהו — אויפן דריטן יאָר — אזוי צו זאָגן: גיי באווייז זיך פאר אהאב'ן, און איך וועל געבן רעגן אויף דער ערד".

דער איבערברוך אינם רעליגיעזן לעבן, וואָס די מלכים פון די צען שבטים האָבן דורכגעפירט, האָט קאנצענטרירט אין יהודה ניט בלויז

די כהנים און לויים נאָר אויך די נביאים, וועלכע זיינע דאמאָלט געווען אין א גאָר גרויסער צאָל. צייטנווייז קומען איינצעלנע נביאים אין דער צען שבטים׳דיקער מלוכה קעמפן קעגן דעם איינגעפירטן געצנדינסט. קיי־נער פון זיי האָט אָבער באוויזן צוצוקומען דירעקט צום מלך און זיין סוויטע. על פי רוב זיינען זיי געטוידט געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן באוויזן צו לאָזן הערן גאָט׳ס וואָרט. אליהו איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך דירעקט פארווענדט צו אהאב׳ן. גאָט האָט אים געגעבן די באפולמעכטיקונג, און ער האָט זיין שליחות דורכגעפירט מיט גרויס מוטיגקייט און געוואגטקייט.

דער הונגער אין שומרון, די הויפטשטאָדט פון מלכות ישראל, איז דאמאָלט געווען גרויס און איבערן לאנד איז געווען א טריקעניש וואָס האָט אויפגעפרעסן גאָר די תבואה און בהמות. אהאב שיקט דאמאָלט זיין הויף־מענש, עובדיה, צו גיין איבערן לאנד און „זוכן וואסער ביי אלע טייכן און קוואלן כדי צו דערהאלטן ביים לעבן די בהמות”. עובדיה איז געווען איינער פון די סעקרעטנע נביאים, וואָס האָט זיך געהאלטן טריי אין דער אידישער טראדיציע. ווען איזבל האָט געמאכט א שחיטה אויף יהוה׳ס נביאים, האָט ער באהאלטן הונדערט נביאים אין היילן און זיי אויסגעהאלטן מיט ברויט און וואסער.

אחאב און איזבל האָבן שוין געוואוסט פון די רעוואָלוציאָנערע רעדעס וואָס אליהו האלט איבערן לאנד, און אחאב האָט זיך ארויס־געלאָזן מיט א מחנה שפיאָנען כאפן אליהו׳ן און אים טוידטן. פונקט דאמאָלט באגעגנט אליהו עובדיה׳ן און באפעלט אים גיין זאָגן זיין האר, דעם מלך, אז ער, אליהו, וויל אים זען.

„עובדיה איז געווען אין וועג, ערשט ס׳קומט אים אָן אנטקעגן אליהו. ער האָט אים דערקאָנט און איז געפאלן אויפ׳ן פנים און געזאָגט: ביסטו עס מיין האר אליהו? און יענער האָט געענטפערט: איך! גיי זאָג דיין האר: אָט איז אליהו! האָט ער געזאָגט: מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, וואָס דו גיסט איבער דיין קנעכט אין אחאב׳ס הענט ער זאָל מיך טוידטן? ביים לעבעדיקן גאָט, יהוה, ס׳איז ניטאָ קיין פאָלק אין לאנד צווישן וועמען מיין האר האָט ניט געשיקט דיך זוכן און מ׳האָט אלץ געזאָגט — ניט! און ער האָט באשוואָרן דאָס לאנד און דאָס פאָלק, אז ער וועט דיך געפינען”.

„אבער אליהו האט געזאגט: ביים לעבעדיקן יהוה־צבאות, וועלכן איך דין געטריי, אז היינט וועל איך זיך אים ווייזן".

עובדיה האט דורכגעפירט זיין שליחות און דערציילט אחאב'ן, אז אליהו איז אויפן וועג אים צו זען. און ווען אחאב האט אליהו'ן דערזען, האט ער אויסגעשריען: „ביסטו דאס דער עוכר ישראל, דער פאראומגליקער פון די אידען?"

און אליהו האט אים אומדערשראקן אפגעענטפערט: „ניט איך האב פאראומגליקט ישראל, נאר דו און דיין פאטער'ס הויז מיט דעם וואס איר האט פארלאזן גאט'ס געבאט און געגאנגען נאך די געטער פון בעל. און איצט, שיק און זאמל צונויף אלע אידן אויפן הר הכרמל און די פיר הונדערט נביאים פון דער אשרה, וואס עסן ביים טיש פון איזבל".

אין תנ"ך ווערט אויך דערציילט ווי אליהו האט געהייסן די פאלשע נביאים זיך אויסקלויבן אן אקס, אים צושניידן און ארויפלייגן אויף אים האלץ און בעטן צו זייערע געטער אראפצושיקן א פייער. ער אליין וועט אויך אזוי טאן, און עס וועט זיין „דער גאט וואס וועט ענטפערן מיט פייער — ער איז גאט". דא ווערט אויך דערציילט ווי דער נביא האט זיך לוסטיק געמאכט איבער די נביאים פון בעל ווען זיי האבן געשריען צו זייערע געטער אראפצושיקן א פייער און די געטער האבן ניט געענטפערט:

„רופט אויף א הויכן קול, שרייט אביסל העכער, ער האט זיך מסתמא פאררעדט, מסתמא אוועק אן א זייט, אפשר אין וועג, אדער אפשר שלאפט אייער גאט און ער וועט זיך אויפכאפן".

אליהו פארוועגדט זיך דאמאלט צום פאלק מיט ביטערע, פלאמנ־דיקע ווערטער: „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים? אם ד' האלקים, לכו אחריו, ואם הבעל, לכו אחריו" — ביז ווען וועט איר ארומשפאנען אויף צוויי צווייגן? אויב יהוה איז דער גאט, גייט נאך אים און אויב בעל — גייט נאך אים. ולא ענו העם את הדבר — און דאס פאלק האט אים א ווארט ניט אפגעענטפערט. זיי האבן איינ־געזען די סאציאלע געפאר און געבליבן דערשטוינט איבער אליהו'ס געוואגטקייט קעגן דעם קעניג און די העכער פיר הונדערט נביאי הבעל. זיין ערנסטקייט און מסירת נפש'דיגקייט, זיין זיך מקריב זיין על קידוש

השם, האָט געוואונען די אידישע מאסן. די אידן האָבן תיכף געטוידט אלע נביאי הבעל, און א רעגן האָט אראָפּגעשווענקט דאָס בלוט פון די פאָלקס פארפירער.

דער נצחון פון אליהו איז געווען בלויז א צייטווייליקער, און די פּאָליטישע רעאקציע האָט זיך ווידער געשטארקט. אויף א ווייל האָט אחאב זיך געפילט פארלאָרן. האָט ער דאָך אליין מיט די אייגענע אויגן צוגעזען דעם געוואגטן ארויסטריט פון אליהו און דעם פאָלקס-צאָרן. איזבל זיין פרוי האָט אָבער ניט נאָכגעלאָזן נאָר מיט מערער דעספּאָטישקייט ארויסגעטראָטן קעגן אליהו און זיינע נאָכפאָלגער. אליהו האָט געמוזט אנטלויפן און זיך אויסבאהאלטן אין דער מדבר ערגעץ אויף א בארג אָדער טאָל. אויף טריט און שריט איז ער פארפאָלגט געוואָרן פון געדונגענע מערדער, און אים איז אויסגעקומען צו לידן שרעקלעכן הונגער און דורשט. אָפט איז ער געוואָרן פארצווייפלט און אויף זיך געבעטן דעם טוידט. זיין שטורמישער גייסט האָט אים אָבער געקרעפטיקט און געגעבען נייעם מוט און נייעם האָפענונג.

די ברייטע מאסען זיינען געלעגען פארשקלאָפטע אונטערן קנאָכעל פון קעניגלעכן הויף. די אָרימקייט איז געווען גרויס, דער הונגער שטארק און די אונטערדריקונג פיינלעך און אוממענשלעך. פון די אידישע נביאים איז קיין איינער ניט געבליבן לעבן א חוץ אליהו, און ער איז איצטער געוואָרן אנשטאט א קעמפער פאר ריינער גייסטיגקייט אויך א קעמפער פאר פרייהייט און גלייכהייט.

אין א הייל ביים געטלעכן בארג חורב, וואו ס'איז אמאָל צייטיק געוואָרן די געזעצגעבונג פון משה, האָט אליהו דערהערט די שטים פון גאָט :

„גיי ארויס און שטעל זיך אויפן בארג פאר יהוה'ן. אָט גייט יהוה פארביי און א גרויסער מעכטיקער ווינט גייט פאר אים, וואָס צו-שמעטערט בערג און צוברעכט פעלזען — ניט אין ווינט איז גאָט. און נאָכן ווינט, גייט א שטורעם — ניט אין שטורעם איז גאָט. נאָכן שטורעם גייט א פייער — ניט אין פייער איז גאָט. און נאָכן פייער הערשט א פולשטענדיקע שטילקייט. און אליהו האָט זיך איינגעהערט, האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין מאנטל און זיך געשטעלט ביים אריינגאנג אין הייל, ערשט א קול רופט צו אים : וואָס האָסטו דאָ צו טאָן, אליהו ? ! גיי און קער זיך אום אין דיין וועג און זאלב הזאל'ן פאר א מלך אין

ארם, יהוא בן נמשי פאר א מלך איבער ישראל און אלישע בן שפט פאר א נביא אויף דיין אָרט".

אליהו איז משיג די דאָזיקע געטלעכע דערשיינונג, און דערזעט פאר זיך אַ קלאָרן וועג. ער טאָר זיך מער ניט באהאלטן אין דער מדבר, נאָר קעמפן ביז ער וועט פארטיליקן אחאב'ן פון הויז פון עמרי און אויך אויפשטעלן א נביא נאָך זיך ווייטער ממשיך צו זיין דעם אָנגעהויבענעם קאמף.

קאָנטיק, אז אליהו האָט געהאט בדעה צוריקצוברענגען די אידן צום פרימיטיוון מדבר לעבן, וואו מען ווייסט ניט פון אומגלייכהייטן און אומגערעכטיגקייטן. דער מדבר מענש איז קיינמאָל ניט צוגעבונדן צו זיין אָרט און דערלויבט ניט קיין דעספאטישע הערשאפט. ער איז אויך מער נאטור־מענש און איז מער מסוגל אויפצונעמען די ריינע געט־לעכע אידייע. אין זיין רוח נבואה האָט ער אָבער דערפילט, אז דער דאָזיקער וועג איז מער ניט מעגלעך. דער איד איז שוין צופיל צוגעבונדן צו דער שטאָדט, צו דער ערד, צו דער נייער ציוויליזאציע, און וועט זיך מער צו דער מדבר ניט צוריקקערן. פאר אים בלייבט בלויז איין אָפענער וועג: צו קעמפן קעגן דעספאָטישער הערשאפט און קעגן יעדער אומגערעכטיגקייט. דער נביא איז איצטער דער ריינער רעוואָלוציאָנע־רער קעמפער, וואָס קעמפט פאר פרייהייט און סאָציאלער אויסבעסערונג.

און דער נביא דערשיינט ווידעראמאָל אין זיין גאנצער גרויסקייט, וואָס שטעלט אים אויף אייביק אוועק אויפן פעדעסטאל פון אונזערע גרעסטע און מוטיקסטע נאציאָנאלע העלדן. די געלעגנהייט האָט זיך אים לייכט געמאכט. נבות יזרעאלי האָט געהאט בירושה א וויינגארטן, וועלכען די קעניגין איזבל האָט זעהר שטארק געוואָלט האָבען. נבות האָט דעם כרם ניט געוואָלט פארקויפן, ווייל ער האָט אים געהאלטן טייער און הייליק ווי אן אנדענק פון זיינע פארשטאָרבענע עלטערן. אחאב האָט זיך דערפון שטארק מצער געווען, אָבער אוועקנעמען מיט געוואלט דעם כרם האָט ער ניט געקאָנט. היינט, אין דער פרייער מאָדערנער צייט, קאָן א רעגירונג מיט געוואלט אָפקויפן א שטיק לאנד. זי דארף בלויז אויף א גערעכטן אופן אָפשאצן דעם פרייז און דערפאר באצאָלן. ביי אידן איז אָבער די מאכט פון קעניג געווען שטארק באגרענעצט און האָט אפילו פאר געלט ניט געקענט אוועקנעמען אימיצנס א ירושה, וואָס איז א ירושה געערבט פון גאָט אליין.

איזבל האָט אָבער ניט געהאַלטען פון אידישע טראַדיציעס. זי איז געוועזן די קעניגן און פרינצעסין פון א מלוכה וואָס האָט ניט גע־וואוסט פון עטיק און יושר. האָט זי אויסגעטראַכט א בלבול אויף נבות׳ן, געקראָגן פאַלשע עדות, אים פאַראורטיילט און געטוידט. די ירושה איז דאַ־מאָלט איבערגעגאַנגען צו דער מלוכה, און איזבל איז געוואָרן די אייגנ־טימערין פון דעם כרם. דאָס פאָלק האָט געוואוסט פון דער מערדעריי, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט צו זאָגן א וואָרט. בלויז אליהו האָט זיך באַוויזן פארן קעניג און אויסגעשריען מיט א דונערדיקער שטים: „הרצחת גם ירשת — דו האָסט געמאָרדעט און אוועקגערויבט". די דאָזיקע געציילטע דריי ווערטער זיינען די שטאַרקסטע און געוואַגסטע, וואָס אימיצער האָט ווען עס איז געוואָרפן אין פנים פון א מעכטיקן הערשער אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און אמת.

אחאב איז געבליבן שטיין פארגליווערט, און בלויז צוויי ווער־טער האָט ער באַוויזן ארויסצורייד‍ן: „המצאתני אויבי? — האָסט מיך געפונען, שונא מיינער?" דער נביא האָט זיך ניט דערשראָקן, ניט גע־צעגערט, נאָר אים אָפּגעענטפערט קלאָר און שאַרף: „יאָ, כ׳האָב דיך געפונען, ווייל דו האָסט זיך פארקויפט צו טאָן שלעכטס אין די אויגן פון גאָט". דעם דאָזיקן מאָל האָט אליהו געהאַט א גרויסן זיג. אחאב האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און מיט הכנעה אויסגעהערט די ווייטערדיקע שטראָף־רייד:

„אזוי האָט גאָט געזאָגט:
אינם זעלבן אָרט וואו הינט האָבן געלעקט נבות׳עס בלוט,
וועלן זיי לעקן אויך דיין אייגן בלוט.

און אויך איזבל׳ען וועלן עסן די הינט
אין דעם רייכן פאַלאַץ פון יזרעאל.

ווער ס׳וועט שטאַרבן ביי אחאב׳ן אין שטאָדט,
וועלן אים אויפעסן די הינט;
און ווער ס׳וועט שטאַרבן אין פעלד,
וועלן אים עסן די פויגל פון הימל".
(מלכים א׳, קאַפּיטעל 21 פסוק 23־24)

אזוי דערהויבן איז אליהו געווען אין די אויגן פון די אידן, אַז זיי האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ער זאָל האָבן געווען א גע־ווינטלעכער בשר ודם און זיי האָבן געשאפן דעם אויסדרוק: התשבי נולד בטרם הולדו — אליהו דער תשבי איז געבאָרן געוואָרן נאָך איידער זיין געבורטסטאג. דער תלמוד זאָגט אויך, אז „פנחס זה אליהו", אליהו איז די פארקערפערונג פון פנחס, דער זון פון אלעזר דער זון פון אהרן הכהן, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען און געטוידט דעם פאררעטער זמרי בן סלוא.

דאָס אידישע פאָלק האָט אויך ניט דערלאָזן, אז אָט דער דאָזיקער העלדישער נביא זאָל שטארבן און האָט איהם באהאלטן אין הימל נעבן גאָט. „אין א פייערדיקן וואָגן מיט פייערדיקע פערד איז אליהו אין הימל געפאָרן". (מלכים ב' קאפיטל 2 פסוק 1). אין תנ"ך ווערט קיינ־מאָל ניט דערציילט בפרטיות וועגן דעם טוידט פון א נביא. יעדער איינצעלנער דערשיינט פלוצים אויף דער קאמפס־ארענא, פירט דורך זיין געטלעכע שליחות און גייט שטיל אוועק. אליהו איז דער איינציקער נביא וואָס לעבט אייביק אין דער פאנטאזיע פון פאָלק.

די אידישע מיסטיק רעדט א סך וועגן אליהו'ס הייליגקייט. שוין ביים לעבן גייט ער ארום צווישן מענשן ווי א מלאך פון הימל, און איז אנפארטרויט פון גאָט מיט אלע זיינע געהיימנישן און כחות. אין הימל איז אליהו דער באשיצער פון די אידן און איז תמיד מבטל די שלעכטע גזירות. אמאָל נידערט ער אראָפ פון הימל און דערשיינט צווישן מענשן אין פארשידענע געשטאלטן. ער פאסט זיך תמיד צו צו דער געלעגנהייט אבי ער זאָל קענען העלפן דעם נויטיקן. אליהו איז אויך איצטער כסדר צונויפגעבונדן מיטן פאָלק, און דערשיינט אויף יעדן ברית מילה, פסח ביים סדר און וועט אויך זיין דער אָנזאָגער פון דער גאולה.

אומעטום פילט זיך די השפעה פון אליהו. פון איין זייט איז ער דער עקסטרעמער קנאי, דער אומקאמפראמיסלעכער קעמפער, דער רעוואָלוציאָנערער ריז, און פון דער אנדערער זייט איז ער דער סימבאָל פון דער פולשטענדיקער גוטסקייט.

נאָך איידער אליהו האָט געהאט זיין עליה, איז אלישע שוין געוואָרן זיין טרייער תלמיד און אידעאלאגישער נאָכפאָלגער. מיט אלישע זיינען געווען א סך בני נביאים, און ווען זיי האָבן דערפילט אז אליהו וועט זיי גיך פארלאָזן האָבן זיי אים אויפגענומען פאר זייער פירער.

די סביבה ארום אים איז געווען א סך גינסטיקערע. דער פּאָלי־טישער טעראָר האָט געהאַט אויפגעהערט, און די טעטיגקייט פונם נביא האָט איצטער געקענט שטאַרקער אויסגעברייטערט ווערן. אלישע האָט זיך דעריבער מערער פאַרטראַכט איבער דער פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד, און זיך באַמיט דורכצופירן די איבערקערענישן וואָס אליהו זיין רבי האָט ניט באוויזן. אלישע גרופּירט ארום זיך פּופציק בני נביאים, אַלע באַ־וואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן און דערפאַרן אין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָ־ליטיק. צווישן זיי געפינט זיך אויך יהוא בן נמשי, וועמען אליהו האָט געהאַט אויסגעקליבן צו פאַרניכטן די קעניגלעכע דינאַסטיע און אליין צו פאַרנעמען די רעגירונג.

אלישע פאָרט פון שטאָדט צו שטאָדט, שטודירט גענוי די פּאָלי־טיש־עקאָנאָמישע לאַגע, און העלפט די ברייטע מאַסן מיט טאַט און ראַט. פונקט ווי אליהו ביים ארונטערברענגען א פייער פון הימל, באַווייזט אויך אלישע גרויסע וואונדער פאַרן פאָלק. ער שפּאַלט דאָס וואַסער פון ירדן אין צוויי העלפט, ער וואַרפט אויך א פלאַש מיט זאַלץ אין ביטערן וואַסער און מאַכט עס זיס, און מאַכט פון אן איינציקן טראָפּן אויל פולע כלים די פרוי פון עובדיה זאָל קענען באַצאָלן אירע חובות, און מאַכט אפילו צוריק לעבעדיק א טוידט קינד וואָס ער אליין האָט ביי גאָט אויסגעבעטן פאַר אן אַלט פּאָרפאָלק.

דער תלמוד און די קבלה האָט אויך אלישע׳ן איינגעהילט אין סודות׳דיגקייט, און דערציילט וועגן איהם אומגעהויערע וואונדער־מעשות. קאָנטיק, אז דאָס פאָלק האָט אים פאַרגעטערט מחמת זיין פייאיקע פּאָלי־טישע פירערשאַפט. אלישע האָט ניט בלויז דורכגעפירט די איבערקער־רעניש אין מלכות ישראל נאָר אפילו אין דמשק (ארם), וואָס איז תמיד געווען פיינטלעך צו אידן און אָפט געפירט מיט זיי מלחמה.

אלישע פאַרמאָגט ניט אין זיך די גייסטיקע שטאַרקייט פון זיין רבין, אליהו. ער האָט אויך ניט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון די שפּעטערדיקע נביאים. ער איז אודאי געווען א גרויסער פּאָלי־טישער פירער און א פאָלקס־מענש מיט א באַשטרעבונג צו פרייהייט און גלייכהייט, אָבער דערוועקט ניט די עמאָציאָנעלע געפילן און עקסטאַזע באַגייסטערונג ווי די נביאי הכתב. פון אַלע דערציילונגען וועגן איהם זעט זיך בלויז זיין געטרייע נאָכפאָלגונג פון אליהו׳ס אידייען און מעשים, אָבער צו אליהו׳ס פּערזענלעכקייט דערהויבט ער זיך ניט.

אויך אלישע פלעגט שטראָפן דעם אידישן מלך און זיינע הויפליט פאר זייער שלעכטע אויפפירונג, דאָך איז די באציאונג צווישן זיי און דעם נביא עפּעס געווען א צו פריינטלעכע, אָפט אפילו א גאָר נאָענטע. אלישע האָט אפילו נבואה געזאָגט דעם אידישן מלך א זיג אין א מלחמה, און טאקע אליין אויף א דיפּלאָמאטישן אופן מיטגעהאָלפן דעם זיג צו דערגרייכן.

העכער פינף און זעכציק יאָר איז אלישע געווען דער פירער פון די בני הנביאים, און פאר זיין צייט האָבן געקיניגט די דאָזיקע אידישע מלכים: יהורם — צוועלף יאָר; יהוא — אכט און צוואנציק יאָר; יהואחז — פופצן יאָר; יואש — צען יאָר.

עמוס

ווען מען רעדט וועגן די נביאים ביי אידען, האָט מען קלאָר אין זינען די דאָזיגע, וועמעס רייד עס זיינען פאראן פארשריבען. עס זיינען אויך געווען א סך אנדערע נביאים, אזוינע וואָס זיינען געווען שופטים, גיבורים, מלחמה־פירער און רעליגיעזע לערער; ס'זיינען אפילו געווען אזוינע וואָס האָבען שוין געבראכט צום פאָדערגרונט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידייען, אָבער וועגען זייער לעבען און טעטיגקייט, מחות און אידייאישקייט, האָבען מיר ניט קיין פולשטענדיגען שריפטליכען רעקאָרד. זייער דערשיינונג און קאמף איז מעהר אָדער וויניגער פאַר־צייכענט, אָבער זייערע רייד, זייער דיכטונג און וויזיע, איז ניט פאַר־בליבען אין שריפט.

די טראַדיציע אליין האָט פארצויגן א פארהאנג צווישן יענע ערשטע נביאים און די שפּעטערדיגע נביאי הכתב, די וועמענס ווערטער זיינען פאַר־בליבן פארשריבן. בלויז עטליכע פון זיי: שמואל, נתן, אחיה, אליהו און אלישע, האָבען באמת זוכה געווען אָנגערופען צו ווערען נביאים בישראל, ווייל ביי זיי בלויז האָט זיך אָנגעזעהן דער גרונטשטריך און אורזאך פון דער נבואה. די נביאים האָבען ניט געקענט צופעליג אויפקומען; ס'האָט געמוזט זיין די סיבה דערצו, אָפט א קאטאסטראפאלע געשעעניש, וואָס האָט דעם נביא ארויסגערופען צו ווירקען.

אזוינס האָט געטראָפען בלויז דאמאָלט ווען ישראל האָט ראדיקאל געענדערט זיין געזעלשאפטליך לעבען, איבערגעבויט דעם הויפּט יסוד און מצב פון זיין עקאָנאָמיק און פאָליטיק. אין יעדער טראַנספאָרמאציע און ראדיקאלער ענדערונג, האָבען זיך ביים אידען אויך געביטען זיינע רעליגיעזע אנשויאונגען און דער געזעלשאפטליכער לעבען האָט אָנגענומען אזעלכע סאָציאַלע פאָרמען, וואָס זיינען לגמרי געווען געגען די אידייאישע מאָראַל־עטישע תורה־געזעצען.

עמוס, דער פאסטוך פון תקוע, איז געווען דער כראָנאָלאָגיש־עלטסטער פון די נביאי הכתב, די אזוי גערופענע שריפטליכע נביאים. ער איז געווען דער סאמע ערשטער פון דער גרופּע פּאָליטישע נביאים וועמענס פילע זעאונגען ס'זיינען פארשריבן און קאנאָניזירט.

געווען איז עס ארום דער ערשטער העלפט פון אכטען יאהרהונ־דערט פאר דער איצטיגער צייטרעכענונג, אין די צייטען פון ירבעם דעם צווייטען. די מלוכה פון ישראל האָט דאמאָלט געבליט מיט אינטער־נאציאנאלען האנדעל, און אויבענאויפיק געשיינט צו זיין זיכער און שטארק. די שכנישע פעלקער זיינען שוין געלעגען דערדריקטע דורך די אָנפאלען פון אשור, און ארץ ישראל איז דאריבער געוואָרען דער איינ־ציגער טראנזיט־וועג פאר אלערליי קאראוואנען.

דער הערשענדיגער קלאס האָט געלעבט אין רחבות און עשירות, און זיך ווייניג וואָס אונטערשיידט פון די פרעמדע שכנישע פעלקער. קיין גייסטיג לעבען איז ניט געווען, נאָר בלויז לוקסוס און פארגעניגען. דאגעגען זיינען די ברייטע אידישע מאסען געהאלטען געוואָרען אין שטענ־דיגער שקלאפעריי און אונטערדריקונג, בארויבט פון זייער פראצע און הארעוואניע.

צווישען דער געלט־אריסטאָקראטיע, די שטאָדטישע מלוכה באַ־אמטע און האנדעלס־מאגנאטען, און די פשוט׳ע אידישע מאסען, די דאָרפס־מענשען, איז געשטאנען אן אייזערנע וואנט, וואָס האָט זיי גע־האלטען צושיידט און צושפאלטען. די אידישע מלוכה איז געווען רייך מיט א סך האנדעלס שטעדט, וועלכע זיינען געשטאנען אין נאָהענטען פארקעהר מיט דעם רייכסטען האנדעלס־פאָלק פון יענער צייט, מיט די פעניציער פון צור און צידון. אידישע שיפען, אָנגעפאקט מיט סחורות פון אלדאָס גוטס, פלעגען צוזאמען מיט די פעניצישע זיך לאָזען אין ווייטסטע ים־נסיעות, און אידישע קאראוואנען פלעגען זיך ציען איבער די פארוואָרפענסטע מדבריות פון די גאָר ווייטסטע לענדער. די ברייטע, פשוטע, פאָלקס־מאסען, האָבען אָבער פון דער דאָזיגער שפע ווייניג גע־נאָסען. פארקערט, זיי זיינען נאָך געוואָרען אָרימער און מערער פאר־שקלאפט צו די אידישע פריצים.

אין די אידישע דערפער האָט זיך נאָך אלץ געהאלטען דער אמאָליגער קאמוניסטישער אָרט לעבען, וואָס איז געווען פשוט אָבער זיטלעך, עם הארציש אָבער ערלעך, און זייערע סאָציאל־פאָליטישע שטרע־בונגען זיינען דאריבער געווען וויט ניט די זעלבע ווי די פון די שטעדט. די שטאָדטישע אריסטאָקראטיע האָט פון זיך פארוואָרפען די סאָציאל־עטישע איינפיהרונגען פון דער תורה משה, און געזוכט צו באגרינדען פריוואטען אייגענטום אויפ׳ן חשבון פון די ברייטע מאסען. דערוועד־

בענדיג זיך גרויס עשירות, לאנד און שקלאפען, האבען זיי ניט דערלאזען דער עטישער תורה-געזעץ פון שמיטה און יובל זאל בלייבען אין קראפט.

דורך הלואות, פראצענט און רויבעריי האט די ערד גיך אנגע־הויבען אריבערגעהן אין די הענט פון די רייכע, און די דארפישע באפעל־קערונג איז אלץ מערער און מערער פאראימט געווארען. ס'איז אנט־שטאנען א פארביטערטער קלאסען-קאמף, וואס האט ביים פאלק ארויס־גערופען האס און צארען געגען די אייגענע רויבער און אונטערדריקער.

די האלב־פרימיטיווע דארפיש-קאמוניסטישע קהלות האבען אין קאמף ניט געקענט ביישטיין קעגען די רייכע. די אלט־אידישע געזעצ־געבונג איז בטל געווארען, און נייע געזעצען „רויבערישע, אומגערעכטע", ווי דער נביא רופט זיי, זיינען באשאפען געווארען.

די געלט־אריסטאקראטען האבען זיך ניט באנוגענט מיט זייער רייכקייט, נאר האבען אויך באגרענעצט די מאכט פונ'ם אידישען מלך. ער איז ניט געווען מערער דער אבסאלוטער מאנארך, נאר א ווערק-געצייג אין די הענט פון די שרים און „קצינים", די אויפגעקומענע געלט־פריצים.

די מאסען האבען געזיפצט און געקרעכצט אונטערן שווערען יאך פון זייערע אייגענע ברידער, און געפונען טרייסט בלויז אין זייער אי־בערגעבענהייט צו דער אמונה און אין די שטראף-רייד פון די נביאים, וועלכע האבען זיך תמיד געשטעלט אין די פאדערשטע רייען פון די אונ־טערדריקטע.

דער סאציאלער מצב אין ישראל איז געווארען שטארק אלאר־מירענדיג. אין די פריהערדיגע צייטען האט זיך יעדער איינער גע־לעבט אויף זיין גע'ירשנ'טער נחלה, און זעלטען ווען איז א אידען זיך אויס־געקומען צו פארקויפען פאר א קנעכט אדער שקלאף. אלע זיינען געווען מעהר אדער ווייניגער גלייך, און עס איז נאך ניט געווען די קלאסען־צוטיילונג צווישען מאסען און יחסנים. אלץ איז געווען רעגירט דורכ'ן געזעץ פון דער תורה, און סיי דער קעניג און סיי דער רעגירונגס־בעאמטער איז גלייך געמשפט געווארען.

די גרויסע און פארלענגערטע מלחמות מיט'ן שכנישען לאנד ארם, האבען פונדאמענטאל געענדערט דעם איינגעשטעלטען מצב. א סך אי־דישע פאמיליעס האבען פארלארען זייער לאנד און אייגענטום און רע־דוצירט געווארען צו פשוט'ער עבדות, צו קנעכטשאפט און שקלאפעריי. די פארטריבענע פון באדען האבען זיך געמוזט פארשולדיגען אין גרויסע

חובות, און ניט קענענדיג לייכט באצאָהלען האָבען זיי געמוזט אָדער זיך אליין אָדער זייערע קינדער איבערגעבען אין קנעכטשאפט.

מיט דער צוריקקערונג פון גרויסער שפע אין לאנד, זיינען די ברייטע מאסען נאָך מעהר דערדריקט געוואָרען, ווייל בלויז די נאבעלי־טעט, די יחסנ'דיגע אריסטאָקראטען, האָבען זיך געקענט באנוצען מיט דער אויפגעקומענער רחבות און עשירות. די סאָציאלע אומגערעכטיג־קייט האָט דאמאָלט באהערשט דעם גאנצען מזרח, און ארץ ישראל האָט זיך גיך אָפגעלערענט פון די אנדערע. ביי די סעמיטישע פעלקער זיינען רעגירונגס בעאמטע און רעליגיעזע פירער געווען אויך די ריכטער, און אזוי ווי זיי זיינען אלע געוואָרען קארופּטירט, האָט דער אָרימאַן געמוזט ליידען פון אלערליי אומגערעכטיגקייטען. דער פרייער מיטעלקלאס איז אין גאנצען פארשוואונדען, און דאָס אידישע פאָלק איז געבליבען צוטיילט אין צוויי עקסטרעמע קלאסען.

די אלטע פאָפּולערע קאנצעפּציע פון עבודת אלקים איז נאָך געווען הערשענדיג, און אזוי לאנג ווי די רייכע רעגירער האָבען געבראכט פעטע קרבנות און נאָכגעקומען פינקטליך דעם ריטואל, האָבען זיי זיך געפיהלט זיכער אין גאָט'ס חסד און באשיצונג. אז זיי זינדיגען געגען די אָרימע מאסען פון זייער פאָלק, האָבען זיי ניט איינגעזעהן. זיי זיינען געווען צופיל פארטאָן אין פארשווענדערישקייט, און אפילו זייערע איינזאמלונגען און ימים טובים אין די הייליגע ערטער זיינען פארוואנדעלט געוואָרען אין אויסגעלאסענע אָרגיעס און הוליאנקעס. מיט דעם אלעמען האָבען זיי נאָך ערנסט געגלויבט, אז זיי דערפילען דעם רצון פון גאָט און קומען נאָך אלע זיינע געבאָט.

דער ערשטער אויסצודריקען דעם האס און צאָרן פון די אָרימע פאָלקסמאסען, איז געווען דער נביא עמוס. אין תקוע, אין א פעלזיגען בארג־דאָרף אויפ'ן גרענעץ פון יהודה־לאנד, האָט עמוס געפּיטערט זיינע שאָף, און דאָ, אין תקוע, האָט ער דערפילט אין זיך דעם רוח־הנבואה, דעם רוף פון זיין געוויסען. איהם קימערט ניט וואָס אזוינס ער איז און וועער אזוינס ער איז; ער האָט פאר זיך בלויז איין פּערספּעקטיוו — די צוריקשטעלונג פון אמאָליגער אידיאישקייט. איהם אינטערעסירט ניט דאָס רעלאטיווע, נאָר דאָס אבסאלוטע — דער אמת! דער אומ־קאָמפּראמיסליכער געזעץ פון סאָציאלער גערעכטיגקייט!

עמוס ווייסט אז ער איז ניט קיין כהן, ניט קיין פיהרער און אריסטאָקראַט, נאָר א פשוט'ער פאסטוך —

„ניט קיין נביא בין איך
און ניט קיין זון פון א נביא,
נייערט א פאסטוך פון רינדער,
א צוריכטער פון ווילדע פייגען".
(ז, 14).

אין אים דערוואכט אָבער דער געוויסן, און ער דערפילט אין זיך דעם באַרוף און כח מוטיק צו קעמפען פאר זיין פאָלק און לאנד:

„און גאָט האָט מיך גענומען פון הינטער די שאָף,
און צו מיר געזאָגט:
גיי, זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל".
(ז, 15).

און דער פאסטוך־דיכטער וואַרפט זיינע שאָף, פאַרלאָזט די שטיל־קייט פון די בערג, קומט אין זיינע אָרימע צוריסענע קליידער אין גאָט'ס טעמפעל פון בית אל, און אין סאמע געטומעל פון די ווילדע אָרגיעס און אוממאראלישען ריטואַל, שטורעמט אויף זיין נביאיש־רעוואָלוציאָ־נעריש וואָרט:

„גאָט שרייט פון ציון,
און פון ירושלים הויבט ער זיין קול:
ס'וועלען טרויעריג ווערען די פאסטוך־שטיבער,
און ס'וועט טרוקען ווערען דער שפּיץ פון כרמל".
(א, 2).

גענוי ווען דער דאָזיגער סאָציאַלער קעמפער און רעוואָלוציאָנער האָט אָנגעהויבען זיינע שטראַף־רייד, איז ניט באַוואוסט. מען ווייסט אָבער אז די רייד געהערען צו דער שפּעטערדיגער פעריאָדע פון ירבעם דעם צווייטען, וועלכער האָט רעגירט אין בערך די יאָהרען 740—780 פאר דער איצטיגער צייטרעכענונג. די דעסקריפּציע פון דעם פּאָליטישען,

עקאָנאָמישען און סאָציאַלען מצב אין ישראל, ווי זי ווערט איבערגעגעבען אין עמוס'עס רייד, באווייזט קלאָר אז ס'איז געווען אין די יאָהרען ווען די גרויסע שפע האָט זיך באפעסטיגט אין לאנד.

פונ'ם אריינפיר צו זיין פארשריבענער נבואה איז אויך קלאָר, אז עמוס האָט געהאט צוויי מלאכות: פיטערן שאָף און צוריכטען ווילדע פייגען. די ווילדע פייגען וואָס וואקסען אויף סיקאמאָר־ביימער פלעגען צוגעריכט און צעמאָלט ווערען, כדי דערפון צו קריגען א מעהל אויף ברויט. דאָס דאָזיגע ברויט איז ניט געווען איבעריג געשמאק און געזונט, און איז קאָנטיג געווען דער מאכל פון די שטארק פאראָרימטע מאסען. זיין דאָפּעלטע ארבעט גיט אויך אָנצוהערען, אז עמוס איז געווען פון די גאר אָרימע שיכטען און האָט זיך פארדינגען צו יעדער ארבעט וואָס איז איהם געקומען אונטער'ן האנד. דער פאקט וואָס זיין פאָטער'ס נאָמען ווערט ניט דערמאָנט, ווי עס איז דער שטייגער ביי אלע אנדערע נביאים, איז א צווייטער באווייז פון זיין אָרימקייט און ניט געהויבענעם יחוס.

זיין היים, דער דאָרף תקוע, איז געווען בלויז צוועלף מייל פון ירושלים און צוויי און צוואנציג מייל פון בית אל — דער אָרט וואו ער האָט געהאלטען זיינע שארפסטע רעדעס. דאָס קליינע דערפעל איז געווען איינגעהילט אין גרויע ליים־שטיינערדיגע בערג, וועלכע האָבען אראָפּגעקוקט איבער דער גרויסער מדבר ביז צום טויטען ים צו. עס איז געווען א געגענד אין וועלכער דער מענש האָט אין זיך אנטוויקעלט אן אייזערנעם ווילען און פעסטען כאראקטער. דער לעבען פון א פאסטוך איז געווען א שטענדיגער קאמף מיט דער אומ'ברחמנות'דיגער נאטור און ווילדע חיות, און ער האָט געמוזט זיין געוואגט, האָבען א שאַרף אויג און פלינק דערפילען די אָנקומענדיגע געפאהר. די אומאפהענגיגקייט פון זיין פאסטוך־לעבען און די נויט צו געפינען פאר זיך ארבעט און א מארק פאר דער אָפּגעשוירענער וואל, האָט עמוס'ן געגעבען א געלעגענהייט אויך צו וואנדערען און זיך באקענען מיט דער גרויסער וועלט.

זיין אויטענטישע באשרייבונג וועגען דער לאגע אין מצרים, מלכות צפון און דעם גאנץ וויטען אשור, באווייזט אז ער האָט אפשר באַרייזט די דאָזיגע לענדער אָדער געפיהרט געשפרעכען מיט דורכפאָהרער און פון זיי זיך דערוואוסט די פאקטען וועגען דער דאָרטיגער לאגע.

די פערזענליכקייט און כאראקטער פון עמוס אנטפּלעקט זיך בולט און קלאָר דורך זיינע ווזיעס און שטראָף־רייד. זיין אומאפהענגיגקייט

פון יעדער מענשליכער אויטאריטעט און זיין שארפע אויפפאסונג, איז א זעלטענקייט ביי א מענשען פון זיין סביבה און דערציאונג. זיין גע־וואגטקייט איז ניט דער רעזולטאט פון עפעס א לײדענשאפט אָדער רעלי־גיעזער התלהבות, נאָר פון א רואיגער, גוט דערגרונטעוועטער באטראכ־טונג. אודאי איז ער געווען א דיכטער פון גאָר א הויכער מדרגה און זיך באנוצט מיט א רייכקייט און פארשידענארטיגקייט פון פיגוראטיווע ווערטער און בילדער, אָבער אין עצם איז ער געווען דער שטרענגער רעאליסט. ער האָט אויסגעצייכענט געקאָנט די לאגע אין ישראל, און האָט די קענטשאפט זיך דערוואָרבען דורך אקטועלען קאנטאקט און פאָרזיכטיגער שטודיע. זיינע באשלוסען און אויספיהרונגען האָט ער געמאכט נאָך א ריינעם, לאָגישען נאכדענקען.

כאָטש עמוס איז געווען פון די אָרימע און פשוטע שיכטען, איז ער דאָך געווען איינער פון די סאמע געבילדעסטע מענשען אין זיין צייט. ער האָט געהאט א פולשטענדיגע ידיעה אין עטנאָלאָגיע, געאָגראפיע און סאָציאלאָגיע, כאָטש זיין אוניווערזיטעט איז געווען א הוילע דערפארונג און בעאבאכטונג. אויפ'ן באזיס פון די דאָזיגע ידיעות און רוח הנבואה, איז ער מיט זיין שארף אויפפאסענדיגען מח געקומען צו דעפיניטיווע שלו־סען וואָס האָבען זיך פונדאמענטאל אונטערשיידט פון די וואָס האָבען געהערשט אין יענער צייט.

מיט כאראקטעריסטישער געוואגטקייט און זיכערקייט פון ציל, האָט ער זיך פארנומען צו ווירקען אויף די מחות פון די פאָליטישע און רעליגיעזע פירער, און זיין דערשיינען אין בית אל איז געווען דער בא־דייטענדסטער פאל אין דער מענשליכער געשיכטע. גאנץ אליין, באוואָ־פענט בלויז מיט אומבאגרענעצטען גלויבען אין גאָט, האָט ער מוטיק אטאקירט די באליבטע אינסטיטוציעס, די גאנצע פאָליטישע טאקטיק, די רעגירענדיגע מאכט, די ענגע רעליגיעזע קאנצעפציעס, און אנשטאט זיי גאָר פראקלאמירט אזעלכע אוניווערסאלע פרינציפען, וואָס זיינען נאָך עד היום דער באזיס און גרונט־מאָטיוו פון עטיק, סאָציאליזם און רעוואָ־לוציאָנערישקייט אויף דער גאָרער וועלט.

אפילו זיין מעטאָד איז געווען אן אייגענארטיגער און פראקטי־שער. קיין אנדער רעפאָרמער אָדער אפאסטל פון אמת און יושר האָט באגעגענט אזעלכע שוועריגקייטען ווי עמוס ביים ערשטען אויפטריט אין קעניגליכען מקדש פון בית אל. אין יענעם טאָג איז עס פאָרגעקומען

די גרויסע יעהרליכע פייערונג צו וועלכער די רייכע און רעגירער, צוזאמען מיטן פשוט'ן פאָלק זיינען זיך צונויפגעקומען צו פארברענגען אין געזאנג און אין פריילעכקייט. דער געפיהל פון זיכערקייט און עשירות, דער איינדרוק אז דער גאָט פון צבאות איז צופרידען מיט זייערע פעטע קרבנות, דער גלויבען אז זיי היטען אָפּ דעם אמת'ן אידישען ריטואל, די ווילדע שיכרות, געזאנג און טענץ, האָט אודאי קיינעם פון זיי פעאיג געמאכט אויפצונעמען די שטראָף-רייד און ווארנונגען פון חורבן און אונטערגאנג. דער פאקט וואָס עמוס איז געקומען פון יהודה-גרענעץ, וועלכע האָט ערשט ניט לאנג צוריק דערליטען א גרויסע מפּלה דורך די הענד פון דער ישראל'שער ארמיי, האָט זיכער שוועך געמאכט די לאגע פארן יונגען אומדערפארענעם נביא. זיינע פאסטוך קליידער און זיין פון-זון-פארברענטען פנים האָבען איהם אודאי און אודאי ניט געגעבען קיין חן אין די אויגען פון די אָנגעפרעסענע, אויסגערוהטע, און מיט ציהרונג, באפּוצטע אריסטאָקראטען.

דאָך האָט עמוס זיין מיסיע דורכגעפיהרט, און ארויס זיגרייך ניט בלויז צוליב זיינע רייד, נאָר אויך צוליב זיין טאקט און שכל. זיין דערגרייכונג איז געווען, ניט בלויז אין געווינען זייער אויפמערקזאם נאָר אויך אין קריגען זייער פולע צושטימונג.

עמוס הויבט ניט גלייך אָן מיט מוסר צו זיין אייגען פאָלק, נאָר צו די שכנישע, פיינטליכע פעלקער, צו ארם, כנען, אדום, עמון און מואב. זיי זיינען עם די אמת'ע שולדיגע, די אמת'ע פארברעכער, און אויף זיי וועט עם אויסגעגאָסען ווערען גאָט'ס צאָרען. זיי פיהרען עם א פארשייט און רויבערישען לעבען, און וועלען דאריבער מוזען אונטערגעהן.

„אזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאר דריי פארברעכענס פון דמשק,
יאָ פאר פיר, וועל איך ניט אָפּהאלטען:
פאר זייער צודרעשען גלעד מיט אייזערנע ריטער,
וועל איך שיקען א פייער אין חזאל'ס הויז,
און עס וועט פארברענען די פאלאצען פון בן-הדד,

און איך וועל צוברעכען דעם ריגעל פון דמשק,
און וועל פארשניידען דעם באוואוינער פון בקעת—און,

און דעם וואָס האלט א צעפּטער פון בית־עדן,
און דאָס פאָלק פון ארם וועט פארטריבען ווערען,
זאָגט גאָט".
(קאפּיטל 1, פּסוק 3—5).

און מיט דער זעלבער מוטיגקייט און זעאונגס קראפט, רעכענט ער אויך אוים די גרויסע זינד פון עזה, צור, אדום, עמון, מואב, און זאָגט זיי אלעמען פאר גאָט'ס גיבע שטראָף. די דאָזיגע פעלקער לעבען אין זנות און געצענדינסט, רויבען און מאָרדען דעם אידען, וועלען זיי דער־פאר אָפּגעמעקט ווערען פון דער וועלט. א פאָלק וואָס פייניגט דעם אידען מוז אונטערגעהן, ווייל אזוי איז דער געזעץ פון גאָט.

דעם נביא'ס רייד האָבען געווירקט. אלע פארזאמעלטע זיינען געווען מיט איהם איינשטימיג, און אקלאמירט גאָט'ס וואָרט דורך זיין נביא און שליח. יעדער איינער האָט איינגעזעהן די גערעכטיגקייט פון זיינע רייד און די פיר פונדאמענטאלע פּרינציפּען אויף וועלכע ער האָט זיי באזירט: א) גאָט איז דער קעניג איבער דער גאנצער מענשהייט, און אלע פעלקער זיינען דאריבער פאראנטוואָרטליך צו איהם פאר זייערע מעשים. ב) גאָט איז אן אל ארך אפּים און פארקוקט לאנג די עבירות פון די פעלקער, אָבער ער איז אויך א נוקם ונוטר און ווען די צייט קומט שטראָפט ער מיט אן אייזערנער האנט. ג) יעדע נאציע איז באזונ־דער פאראנטוואָרטליך אין דירעקטער פּראָפּאָרציע צו זיינע מעגליכקייטען און גייסטיקער דערהויבענקייט. ד) גאָט משפּט ניט קיינעם וועדליג זיינע קרבנות און תפילות, נאָר וועדליג זיינע מעשים אין שייכות מיט זיינע מיטמענשען.

און ווען די צוהערער האָבען זיך דערפרייט איבער דער גרויסער נקמה וואָס גאָט וועט נעמען פון די פעלקער און האָבן שוין גענומען חלומען וועגען אריינכאפּען זיי אין די אייגענע הענד, האָט דער נביא בליציג־שנעל אָנגעווענדט די זעלבע שטראָף־רייד אויף יהודה און ישראל.

די אלע אויסגערעכענטע פעלקער, וועלכע האָבען געלעבט פון מאָרד און געוואלדטאטען, זנות און עבודה זרה, וועלען אודאי מוזען אונטערגעהן און אָפּגעמעקט ווערען פון דער וועלט. א דעמאראליזירט פאָלק אָן אן עטיק, אָן אידעאלען און אָן סאָציאלער יושר, קאָן ניט און

טאָר ניט עקזיסטירען. אָבער אויך זיין אייגען פאָלק איז דעמאָראַליזירט און דעגראדירט.

„אזוי זאָגט גאָט:
פאַר דריי פאַרברעכענס פון יהודה,
און פאַר פיר וועל איך ניט פאַרגעבען.
זיי האָבען פאַר'מיאוס'ט גאָט'ס תורה,
און האָבען ניט אָפּגעהיט זיינע געזעצען, —
זייערע שקרים האָבען זיי פאַרפירט.

און דערפאַר וועל איך שיקען א פייער אין יהודה,
און וועל פאַרברענען די פּאַלאַצען פון ירושלים".
(קאפיטל 2, פסוק 4—5).

און אויך זיין אייגען לאַנד, דעם מלכות ישראל, שטראָפט ער:
אזוי זאָגט גאָט:

פאַר דריי פאַרברעכענס פון ישראל,
און פאַר פיר וועל איך ניט פאַרגעבען.
פאַר זייער פאַרקויפען פאַר געלט דעם גערעכטען,
און דעם אָרימאַן פאַר א פּאָר שיך.

זיי, וואָס ווילען איינשלינגען דעם שטויב ערד
אויפ'ן קאָפּ פון די אָרימע,
און דעם וועג פון די געדריקטע שלאָגען זיי אָפּ;
און פאָטער און זון גייען צו איין פרוי
כדי צו פאַרשוועכען מיין הייליגען נאָמען.

און קליידער גענומען ביים אָרימאַן
וואַלגערן זיך ביי איטלעכען מזבח,
און ווייַן גענומען ביים פאַראורטיילטען
טרינקען זיי אין הויז פון זייער גאָט".
(קאפיטל 2, פסוק 6—8).

מילא די פעלקער פון דער וועלט האָבען ניט קיין קולטורעלען יסוד, קיין אויסגעצייכענטען עבר, קיין געשיכטליכען הינטערגרונט פון וועלכען צו ציען די יניקה. גרוים איז אָבער דער פארדרוס אויפ׳ן אידישען פאָלק, וואָס האָט פארגעסען די פארגאנגענהייט און איבערגעריסען יעדען פאָדעם מיט זייער געשיכטע.

„און איך האָב דאָך פארטיליקט פאר זיי דעם אמורי,
וואָס ווי דער צעדערבוים איז געוועזן זיין הויך,
און שטארק איז ער געוועזן ווי דער אייכנבוים;
און איך האָב פארטיליקט זיין פרוכט פון אויבען,
און זיינע וואָרצלען פון אונטען.

און איך האָב אייך אויפגעבראכט פון לאנד מצרים,
און אייך געפיהרט פערציג יאָהר אין דער מדבר
צו ירשענען דאָס לאנד פון אמורי.

און איך האָב אויפגעשטעלט נביאים פון אייערע זין,
און פון אייערע יונגעלייט נזירים;
איז עס ניט אזוי, קינדער פון ישראל?

אָבער איהר האָט געמאכט טרינקען די נזירים וויין,
און די נביאים האָט איהר באפוילען אזוי צו זאָגען:
איהר זאָלט ניט נביאות זאָגען!
זעהט, איך דריק אייך ארונטער
ווי עס דריקט דער וואָגען פול מיט גארבן.

און אנטרינונג וועט פארלאָרען זיין פון דעם פלינקען,
און דער שטארקער וועט ניט אָנהאלטען זיין כח,
און דער גיבור וועט ניט ראטעווען זיין נפש.

און דער בויגענהאלטער וועט ניט ביישטיין,
און דער פלינקער אויף זיינע פיס וועט זיך ניט ראטעווען,

און דער רייטער אויף א פערד וועט ניט ראטעווען
זיין נפש,
און דער שטארקהארציקער צווישען די גיבורים
וועט א נאקעטער אנטלויפען אין יענעם טאָג.
זאָגט גאָט".

(קאפיטל 2, פסוק 9—15).

דער נביא גיהט דאָ איבער פון א געשיכטלעכן איבערבליק צו א לאָגיש־פילאזאָפישער ארגומענטאציע, וואָס איז באזירט אויף סיבה ומסובב, אורזאך און עפעקט, ביז מען קומט צו דער סאמער ערשטער אומאפהענגיגער סיבה, די סיבה כל הסיבות, — גאָט דער באשאפער פון אלץ און אלעמען!

אין דער שטילקייט פון די בערג, דאָרטען וואו ער האָט געפיטערט זיינע שאָף און רינדער, פארטונקען אין דער תכלת'דיגקייט פונ'ם הימעל, איז דער נביא דערגאנגען די סודות'דיגקייט פון דער וועלט.

באָדענדיג זיך אין דער גאָלדיגקייט פון די שטראהלען, אין דער פארביגקייט פונ'ם זאמד און אין דער קלאָרקייט פונ'ם ים, איז צו איהם געקומען די געטליכע דערקענטעניש. אלץ איז אזוי אומבאגרענעצט, אלץ אזוי אייביג־סודות'דיג, אלץ אזוי שפע'דיג און רחבות'דיג, אלץ אזוי מאסטערהאפט געפיהרט, אלץ אזוי אָרדנונגספול, אלץ אזוי אומפארענדערט.

עמוס איז אָבער ניט קיין פילאזאָף, נאָר א דיכטער. ער רעדט ניט אינם קאלטען, טרוקענעם פילאזאָפישען טאָן, נאָר אין דיכטעריש־וויזיאָנערישע בילדער וואָס פארכאפען מיט זייער פשטות און קלאָרקייט.

„גייען צוויי באנאנדער
ניט האָבענדיג זיך אָפגערעדט?

ברילט א לייב אין וואלד,
ווען ער האָט ניט קיין רויב?
לאָזט א יונגלייב ארויס א קול פון נאָרע,
ווען ער האָט ניט עפעס געפאנגען?

פאלט א פויגעל אין פאסטקע
ווען זי האָט ניט קיין שטרויכלונג?

שפרינגט א פאסטקע אויף
ווען זי האָט ניט עפּעס געכאפּט ?
ווערט א שופר געבלאָזען אין שטאָדט,
און דאָס פאָלק זאָל ניט ציטערען ?
געשעהט אן אומגליק אין שטאָדט,
גאָט זאָל עס ניט האָבען געטאָן ?

א לייב האָט געברילט,
ווער זאָל ניט מורא האָבען ?
גאָט דער האר האָט גערעדט,
ווער זאָל ניט נביאות זאָגען ?
(קאפיטל 3, פסוק 3—8)

און דער פאסטוך־דיכטער זאָגט זיין געטלעכע נבואה. איידער אָבער ער פארוועגדט זיך צו די מאסען, צו די פון וועמען ער איז אן אָנגעקניפּטער טייל, רעדט ער צו די רייכע אין די פאלאצען, צו די וואָס זאמלען גזלה און רויב.

„מאכט הערן אויף די פאלאצען אין אשדוד,
און אויף די פאלאצען אין לאנד מצרים,
און זאָגט :

זאמעלט אייך צונויף אויף די בערג פון שומרון,
און זעהט די גרויסע מהומות דאָרטען,
און די דריקונגען אין איהר מיט.

דרום האָט גאָט דער האר אזוי געזאָגט :
א פיינט ארום און ארום דעם לאנד
וועט נידערן פון דיר דיין שטארקייט,
און דיינע פאלאצען וועלען צערויבט ווערען.

אזוי האָט גאָט געזאָגט :
אזוי ווי א פאסטוך איז מציל פון לייב'ס מויל

א פּאָר קני אָדער א לעפּעל פון אן אויער,
אזוי וועלען די בני ישראל וואָס זיצען אין שומרון,
זיך מציל זיין מיט א ווינקעל פון א שלאָפבאנק,
און מיט א פוס פון א בעט.
און איך וועל שלאָגען דאָס ווינטערהויז מיט'ן זומערהויז,
און די הייזער פון עלפנביין וועלען אונטערגיין,
און די גרויסע הייזער וועלען פארלענדט ווערען".
(קאפּיטל 3, פסוק 9—15).

דער נביא שאנעוועט אויך ניט די פרויען פון דער ישראל'שער אריסטאָקראטיע, און פארווענדט זיך צו זיי מיט ביטערער איראָניע:

„הערט דאָס דאָזיגע וואָרט
איהר פעטע בהמות וואָס אויפ'ן שומרון-בארג,
איהר, וואָס רויבט די אומפארמעגלעכע,
און צושטויסט די אָרימעלייט;
וואָס איהר מאָנט ביי אייערע מאנען:
ברענג ווין און מיר וועלען טרינקען!

גאָט שווערט ביי זיין הייליגקייט:
ס'קומען אויף אייך אָן טעג
און מען וועט אייך אוועקפיהרען אין געפאנגענשאפט,
און אייער סוף וועט קומען — אין פישער-שיפלעך.

און דורך מויערבראָכען וועט איהר ארויסגיין,
יעדע איינע אקעגען זיך,
און איהר וועט פארלאָזען די פאלאצען".
(קאפּיטל 4, פסוק 1—3).

עמוס איז אויך געוועזען דער איראָניקער, דער אָפּשפּאָטער און אָפּלאכער. ס'איז געוועזען דער איראָניש-סאטירישער געלעכטער פונ'ם גע-זונטען דאָרפס-מענשען וועמען עס איז פרעמד און אומפארשטענדליך דער הולטאיסקער און פארשווענדערישער לעבען פון דער שטאָדטישער ארים-

טאָקראַטיע. זיין איראָניע איז א ביטערע, א בייסענדיגע, וואָס טרעפט שארף אין ציל.

„איהר קומט אין גאָט׳ס הויז און פארברעכט,
קיין גלגל, און מערט פארברעכען,
און ברענגט אין פרימאָרגען אייער שלאכטפּאָטער,
און אויפ׳ן דריטען טאָג אייערע מעשר ;

און דעמפט פון געזייערט ברויט דאנקאָפּער,
און רופט אוים פרייווילינע מתנות,
ווארום אזוי האָט איהר ליב,
איהר קינדער פון ישראל.
קאפיטל 4, פסוק 4—5).

אין זיין גאנצן האס און צאָרן, אין זיין גאנצער ביטערער איראָניע און צער, דערזעהענדיג פאר זיך בלויז דעם אומפארמיידליכען אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה, בליהט אינ׳ם נביא נאָך אויף א פונק האָפענונג טאָמער־טאָמער, טאָמער וועלען דאָך די רייכע תשובה טאָן. און וואָס וויל דען גאָט פון זיי ?

„אזוי האָט גאָט געזאָגט צום הויז פון ישראל :
זוכט מיך, און לעבט !

און איהר זאָלט ניט זוכען בית־אל,
און קיין גלגל זאָלט איהר ניט קומען,
און קיין באר שבע זאָלט איהר ניט אריבערגיין ;
ווארום גלגל וועט אין גלות גיין,
און בית-אל וועט צונישט ווערען.

זוכט גאָט, און לעבט !״
(קאפיטל 5, פסוק 4—6).

און אָט אזוי ראנגעלט זיך דער נביא צווישען דעם גלויבען און אומגלויבען אין זיין פאָלק. אויף א וויל ווערט ער באהערשט פונם

רחמנות געפיהל און ליבשאפט, און ער הערט אויף צו שטראָפען, הערט אויף צו מאָהלען דאָס שרעקענס־בילד פון׳ם אָנקומענדיגען חורבן. א צאנקענדיגער פונק פון האָפענונג פארגנבעט זיך צו איהם אין הארצען, און ער ווערט דער גוטמוטיגער, סבלנות׳דיגער לערער: „זוכט גאָט, און לעבט!" — בעט ער זיך מיט תחנונים. נאָר גיך קומט ער אָבער ווידער פנים אל פנים מיט די פארדאָרבענקייטען פון זיין פאָלק, און דערפילט ווי זיינע ווערטער שלאָגען זיך אָן אין טויבע אויערן.

„זיי האָבען פיינט דעם וואָס מוסר׳ט אין טויער,
און דעם וואָס רעדט ערליך פאראומווערדיגען זיי.
דרום, ווייל איהר טרעט אויפ׳ן אָרימאן,
און אָפּגאָב פון תבואה נעמט איהר פון איהם,
האָט איהר הייזער פון געהאקטע שטיינער געבויט,
און וועט אין זיי ניט וואוינען:
האָט איהר גלוסטיגע וויינגערטנער געפלאנצט,
און וועט ניט טרינקען זייער וויין.

ווארום איך ווייס, אייערע זינד זיינען פיל,
און שטארק אייער פארברעכען,
איהר, וואָס דריקט דעם גערעכטען,
איהר, וואָס נעמט שוחד,
און קריוודעט די אביונים אין טויער".
(קאפיטל 5, פסוק 10—12).

און ווידעראמאָל שיינט אין איהם אויף די האָפענונג, כאָטש שוין מיט וויניגער זיכערקייט, און ער בעט זיך ביים אידען:
ניט קיין דאנקבארקייט זוכט גאָט, ניט קיין אויסוויינינגסטע עבודה, ניט דער פארזאמלען זיך אין די הייליגע ערטער, נאָר —

„זוכט גוטס און ניט שלעכטס,
כדי איהר זאָלט לעבען,
און יהוה, דער גאָט פון צבאות, וועט זיין מיט אייך,
אזוי ווי איהר פארלאנגט.

האַט פיינט שלעכטס, און האַט ליב גוטס,
און שטעלט אויף אין טויער גערעכטיגקייט.

אפשר וועט יהוה, דער גאָט פון צבאות,
לייטזעליגען דעם איבערבלייב פון יוסף.
פאַרוואַר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט,
דער גאָט פון צבאות, יהוה:
אין אַלע מערק וועט זיין אַ קלאָג,
און אין אַלע גאַסען וועט מען זיפצען: אוי! אוי!
און מען וועט רופען דעם אַקערמאַן צו טרויער,
און צו קלאָג די געניטע אין יאָמערן.

און אין אַלע וויינגערטנער וועט זיין אַ קלאָג,
אַז איך וועל דורכגיין צווישען דיר, זאָגט גאָט".
(קאַפּיטל 5, פסוק 14—17).

אויך דאָס פאָלק, די ברייטע אָרימע מאַסען, גלויבען אין דער הייליגקייט פון די מזבחות און ברענגען אַהין זייערע קרבנות. בית־אל, גלגל און די איבעריגע הייליגע ערטער אין ישראל און אין יהודה, זיינען ביים אידען די קשרים, די גאָלדענע פעדים, וואָס בינדען איהם צונויף מיט זיין גאָט, דעם אלהי ישראל. גלויבט אויך דער נביא אין דער הייליגקייט פון די דאָזיגע ערטער, אָבער דוקא דערפאַר דערזעהט ער ווי דורך דער פאַרשוועכטקייט וועט פון דאָרטען אַרויס די שטראָף.

דאָס פאָלק גלויבט נאַאיוו, אַז יהוה, דער גאָט פון צבאות, וועט דערדריקען די פיינטליכע פעלקער און ברענגען דעם טאָג פון ליכ־טיגקייט — דעם געטליכען טאָג. גלויבט אויך דער נביא דאַרין, און אויך ער זעהט דעם אָנקום פונם יום ה׳, פונם געטליכען טאָג, אָבער פאַר איהם איז עס אַ טאָג פון משפט און דין, פון שטראָף און גע־רעכטיגקייט. און אויב גאָט משפט יאָ וועדליג די מענשליכע מעשים, וועט עס זיין אַ טאָג פון פינסטערניש און ניט פון ליכטיגקייט.

„ווי, די וואָס באַגערן דעם טאָג פון גאָט!
צו וואָס אייך דען דער טאָג פון גאָט?
ער איז פינסטער און ניט ליכטיג.

אזוי ווי א מענש אנטלויפט פון א לייב,
און איהם באגעגענט א בער,
און ער קומט אין הויז,
און לייגט זיין האנט אָן דער וואנט,
און א שלאנג בייסט איהם איין.

פארוואר, חושך איז דער טאָג פון גאָט, און ניט ליכטיג,
און פינסטער און אָן א שימער אין איהם".
(קאפיטל 5, פסוק 18—20).

דער נביא איז ניט דאגעגען דעם ברענגען קרבנות, איהם איז אָבער שטארק דערווידער דער אופן זיינער און די שלעכטסקייט וואָס מען טוט דערביי. ביי איהם זיינען די קרבנות ניט קיין עיקר, נאָר א מי־טעל צו אנטוויקלען אינם מענשען א חוש פאר יושר און גערעכטיגקייט.

„איך האָב פיינט, איך פאראכט אייערע ימים טובים,
און איך קאָן ניט שמעקען אייערע איינזאמלונגען.
אפילו אז איהר ברענגט מיר בראנדאפער,
און אייערע שפייזאפער באוויליג איך ניט,
און אייערע געשטאָפּטע פרידאפער קוק איך ניט אָן.

טו אָפּ פון מיר די ברומונג פון דיינע געזאנגען,
און דאָס שפיל פון דיינע גיטארען לאָמיך ניט הערען.

נאָר לאָז קוועלען ווי וואסער די גערעכטיגקייט,
און רעכטפארטיגקייט ווי א שטראָם א שטארקער".
(קאפיטל 5, פסוק 21—24).

נאָך עטליכע פארצווייפעלטע פארזוכען צו דערוועקען דעם געווי־סען פון פאָלק און איהם צוריקברענגען צום דרך הישר, הערט ער לחלוטין אויף צו גלויבען דארין. אין יעדען פאל איז די מעגליכקייט בלויז א וויטלויפיגע, און די שטראָף טראָגט זיך דערווייל אָן מיט לוי־פענדיגע טריט. די אלטע שונאים זיינען טאקע אָפּגעשוואכט, רוקט זיך

אָבער אָן א נייער שונא, א פיל מעכטיגער און שטאַרקערער קעגען ווען זיין פאָלק, א צושפּליטערט און צוטיילט אין צווי קעמפּענדיגע קלאסען, א קאָרופּטירט און פאַרפוילט אין אַלערליי אומגערעכטיגקייטן און גע־צענדינסט, וועט בשום אופן ניט קענען ביישטיין.

רעדט דער נביא דאריבער וועגן דער האַרבער שטראָף, א שטראָף ניט קיין טיילווייזע, ניט קיין פאַרבייגעהענדיגע, נאָר א שטראָף וואָס איז פולשטענדיג — די גענצליכע פאַרניכטונג פון דער מלוכה!

עמוס דערמאַנט ניט דורך וועמען די שטראָף וועט קומען, ווער עס וועט זיין די „אייזערנע רוט" דורך וועמען גאָט וועט שלאָגען זיין זינדיג פאָלק. פון זיינע בילדער און אָנדייטונגען איז אָבער לייכט צו פאַרשטעהן וועמען ער האָט געזעהן אין זיין קלאָרער וויזיע: אשור!

אשור איז דאַמאָלט געווען אן אויפקומענדיגע אימפּעריאַליסטישע מלוכה, וואָס האָט קיינעם ניט געשאָנעוועט. זי איז געווען די ערשטע אין יענער צייט די פעלקער צו פאַרטרייבען פון זייער לאַנד און טיילווייז זיי אויסצוראָטען. גאָר א סך פון די אַרומיגע שכנים זיינען שוין געלע־גען אין איהרע הענט, און אודאי האָט ישראל ניט געקענט אויסגעמיטען ווערען.

עמוס, דער דאָרפסמענש, האָט פאַרשטאַנען, אז א פאָלק קאָן בלויז דאַמאָלט האָבען א קיום אזוי לאַנג ווי עס געפינט זיך אויפ'ן אייגענעם באָדען. דאָס לאַנד איז דער קשר וואָס בינדט צונויף א פאָלק, ווערט דער דאָזיגער בונד איבערגעריסען, ווערט אויך צוריסען דער בונד צווישען פאָלק און זיין קולטור, זיין אמונה און תורה.

און דערפאַר זיין גרויסע און אומברחמנותדיגע שטראָף:

„ווי, איהר רואיקע אין ציון, און געזיכערטע אויפ'ן
באַרג שומרון,
וואָס ווערען גערופען: הויפּט פון די פעלקער.

געהט קיין כלנה, און זעהט:
און פון דאָרטען געהט אין הויפּטשטאָדט פון חמת,
לאָזט זיך אַרונטער אין גת פון פלישתים;
זענט איהר דען בעסער פון די דאָזיגע לענדער?
איז דען אייער גרענעץ גרעסער פון זייערער?

איהר, וואָס פארבלענדט זיך פון א זינדיגען טאָג,
און האלט זיך אויף די שטולען פון אומגערעכטיגקייט;
איהר, וואָס ליגט אויף בעטען פון עלפאנט־ביין,
אויסגעצויגענע אויף אייערע געלעגערס,
און שפייזט זיך מיט געשטאָפּטע קעלבער;

איהר, וואָס זינגט צום טאָן פון דער הארף,
און מאכט זיך שפיל־אינסטרומענטען ווי דוד;

איהר, וואָס טרינקט וויין פון די בעקענס,
שמירט זיך מיט די בעסטע בוימלען,
און טראכט ניט איבערן בראָך פון יוסף:

דערפאר וועט איהר פארטריבען ווערען די ערשטע,
און ס'וועט זיך ענדיגען די זויפעריי.

גאָט האָט געשוואָרען ביי זיין נפש,
איך פאַרהאַס די גרויסקייט פון יעקב,
און פאראכט זיינע פאלאצען,
און וועל איבערגעבען אייער שטאָדט.

ווארום זע, גאָט באפעלט:
מ'וועט צוהאקען דאָס הויז אין שטיקער,
און דאָס שטיבעל אויף שפּענדלעך.

זע, איך שטעל אָן אויף אייך א פאָלק,
און זיי וועלען אייך דריקען
פון חמת ביז דעם טייך פון פלוין".
(קאפיטל 6, פסוק 1—14).

דאָ דערציילט דער נביא זיין ערשטע געטליכע זעאונג:
גאָט האָט באשאפען א היישעריק אין אָנהויב פון דער שפּעטער

תבואה, און ער האָט אויפגעגעסן דאָס גראָז פון לאַנד. האָט דער נביא זיך געבעטען ביי גאָט:

„ווײ, גאָט דו האר, פארגיב, איך בעט דיך;
ווי קאָן באשטײן יעקב, אז ער איז קלײן?

האָט גאָט חרטה געהאט;
דאָס וועט ניט געשען — האָט גאָט געזאָגט".
(קאפיטל 7, פסוק 2—3).

דער נביא האָט אויך א צווייטע זעאונג: א פייער פארצערט דעם גרויסען תהום, און וואָלט אודאי אויך פארצערט דאָס לאַנד. נאָר דער נביא בעט ווידער ביי גאָט, און גאָט ענטפערט איהם: ס'וועט ניט געשען!

האָט ער אָבער געהאט א דריטע זעאונג ווי גאָט שטייט מיט א בלייגעוויכט אין האנט און זאָגט:

„זע, איך צי א וואגשנור צווישען מיין פאָלק ישראל,
און איך וועל איהם מעהר ניט פארגעבען

פארוויסט וועלען ווערען יצחק'ס במות,
ישראל'ס טעמפלען וועלען חרוב ווערען,
און אנטקעגען ירבעם'ס הויז
וועל איך ארויסטרעטען מיטן שווערד".
(קאפיטל 7, פסוק 8—9)

די פאָלקסמאסען, די אָרימע פאסטוכער און ערד ארבייטער, האָבען מיט באוואונדערונג און יראה זיך צוגעהערט צום נביא'ס שארפע רייד. זיי, די פשוט'ע פאָלקס מענשען, זיינען אליין געווען אָנגעפילט מיט גאל, און האָבען גערן אויפגענומען דעם וואָרט פון האס, צעשטערונג און פארניכטונג.

אנדערש אָבער האָבען דארויף געקוקט די פריווילעגירטע כהנים, די דינער פון די הערשער. דער עלטסטער פון זיי, אמציה דער כהן גדול, האָט גלייך געשיקט אָנזאָגען ירבעם דעם מלך פון ישראל:

„עמוס האָט קעגען דיר מורד געווען פאר ישראל,
און דאָס לאנד קאָן ניט אויסהאלטען זיינע רייד.

ווייל אזוי האָט עמוס געזאָגט :
ירבעם וועט שטארבען פון שווערד,
און ישראל וועט פארטריבען ווערען פון דער ערד.

און ווענדענדיג זיך צו עמוס'ן, עצה'ט איהם דער כהן גדול :

זעער, גיי, אנטלויף דיר קיין יהודה,
דאָרטען עס דיר דיין ברויט און זאָג דיר דיינע נביאות.

זאָג ניט מער קיין נביאות דאָ אין בית אל,
ווייל דאָס איז א קעניג'ס טעמפל און א קעניג'ס הויז".
(קאפיטל 7, פסוק 10—13).

עמוס דערשרעקט זיך ניט פאר'ן כהן גדול, און ענטפערט איהם שארף אָפּ :

„איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין נביא'ס זון,
איך בין א פאסטוך און קלייבער פון סיקאמאָרן.

און גאָט האָט מיך אוועקגענומען פון די שאָף,
און צו מיר אזוי געזאָגט :
גיי, זאָג נביאות איבער מיין פאָלק ישראל.

. . . און איצטער הער גאָט'ס רייד :
דיין פרוי וועט אין שטאָדט מזנה זיין,
און דיינע זין און טעכטער וועלן פאלן פון שווערד,
און דיינע ערד וועט מיט א שטריק צוטיילט ווערן,
אויף אן אומריינער ערד וועסטו שטארבן,
און ישראל וועט פארטריבן ווערן פון זיין ערד".
(ז, 17).

דאמאָלט האָט דער נביא א פירטע זעאונג, גאָט ווייזט איהם א קאָרב מיט זומעראויבס, און זאָגט צו איהם :

„געקומען איז דער סוף אויף מיין פאָלק,
איך וועל איהם מעהר ניט פאַרגעבן.

און יאָמערן וועלן די געזאַנגען פון פּאַלאַץ,
זאָגט גאָט דער האר ;
פּגרים וועלן זיין פיל,
אומעטום א טויטע שטילקייט".
(קאפּיטל 8, פסוק 2—3).

און דאָ קומט פאַקטיש עמוס'עס שאַרפסטע שטראָף־נבואה. איצ־טער בעט דער נביא מעהר ניט ביי גאָט, און זוכט מעהר ניט קיין רעטונג. אין די זעאונגען דערזעהט ער דעם סימבאָל פון אידישען פאָלק: א היישעריק קומט און עסט אויף דאָס גראָז, אָבער ישראל ווערט ניט פאַר־ניכטעט. א פייער פאַרצערט דעם גאַנצען תהום, מלחמות ברעכען אויס און פאַרברענען שטאָדט און דאָרף, אָבער ישראל בויט זיך ווידער אויף. דערזעהט דער נביא אָבער דעם וואַגשנור, פאַרשטייט ער אז די שטראָף מוז קומען. ער דערזעהט דעם קאָרב מיט זומער אויבס, דעם „קיץ" וואָס באַדייט אויך אויף „קץ", סוף, און דערביי שטייט גאָט אויף א מזבח און צאָרנט :

„הערט צו, איר, וואָס שטרעבט צו דערשלינגען
דעם אָרימאַן,
צו פאַרטיליקן דעם ליידנדיקן אין לאַנד:

איר, וואָס זאָגט :
ווען וועט אריבער דער חודש מיר זאָלן פאַרקויפן תבואה,
און דער שבת — מיר זאָלן עפענען די שפּייכלער ;
מיר זאָלן געבן א קלענערע מאָס,
און גרעסער מאכן דעם שקל,
און איינפירן פאַלשע וואָג;

מיר זאָלן פאַרן געלט קויפן דעם אָרימאַן,
און דעם אביון פאַר א פּאָר שיך,
און פאַרקויפען פלעוועס פאַר תבואה.

גאָט שווערט ביי דער גרויסקייט פון יעקב :
איך וועל אויף אייביק ניט פארגעסן אייערע מעשים.

זאָל צוליב דעם ניט אויפטרייסלען די ערד
און מאכן טרויערן אלע אירע איינוואוינער ?
יאָ, זי וועט זיך אויפהויבן און זינקען
ווי דער טייך אין מצרים !

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט דער האר,
וועל איך מאכן אונטערגיין די זון אין מיטן טאָג,
און פינסטער מאכען די ערד אין העלן טאָג.

און איך וועל פארקערן אייערע ימים טובים אין טרויער,
און אלע אייערע געזאנגען אין א קלאָג,
און איך וועל ארויפברענגען אויף אלע לענדן א זאק,
און אויף איטלעכן קאָפּ א פליך".
(קאפיטל 8, פסוק 4—10)

און אָט זעהט עמוס די פינפטע און לעצטע זעאונג ווי גאָט אליין
שטייט אויפן מזבח און הייסט צעשמעטערן דעם טעמפל :

„שלאָג די זיילנקעפּ, אז די ביישטידלעך זאָלן ציטערן,
און צוברעך זיי איבער זייערע אלעמענס קעפּ :
און זייער איבערבלייב וועל איך טויטן מיטן שווערד ;
ניט אנטלויפן וועט אן אנטלאָפענער,
און ניט ראטעווען וועט זיך אן אנטרונענער.

און זיי וועלן זיך פארגראָבן אין אונטערערד,
וועט זיי פון דארטן מיין האנט ארויסנעמען,
און אז זיי וועלן ארויפגיין אין הימל,
וועל איך זיי פון דאָרטן אראָפּנידערן.

און אויב זיי וועלן זיך באהאלטן אויפ'ן שפיץ כרמל,
וועל איך זיי דאָרטן אויפזוכן און צונעמען,
און אויב זיי וועלן זיך פארבאָרגן אויפן גרונט פון ים,
וועל איך דאָרטן באפעלן דעם שלאנג,
און ער וועט זיי איינבייסן.

און אז זיי וועלן גיין אין געפאנגענשאפט,
וועל איך באפעלן דעם שווערד,
און ער וועט זיי טוידטן.
איך וועל האלטן אויף זיי מיין אויג
צום בייזן און ניט צום גוטן".

(קאפיטל 9, פסוק 1—4).

וואָס אזוינס עס איז געווען דער ווייטערדיקער גורל פון דעם יונגן פאסטוך־נביא, צי ער האָט זיך געראטעוועט פונם צאָרן פון די כהנים און מלכים, צי ער האָט געלעבט צו זעהן דעם אשורישן חיל פארנעמען דעם עמק, אָדער געפאלן א קרבן פון זייערע הענט, איז לחלוטין אומבאקאנט. ער דערציילט אונז גאָרניט וועגן זיינע ווייטערדיקע פאסי־רונגען, נאָר פארענדיקט מיט אן אָפטימיסטישער פערספעקטיוו אויף דער צוקונפט.

עמוס, ווי יעדער אנדערער נביא ביי אידן, האָט ניט אויפגעהערט גלויבן אין אן אידיליש־שטילן פויערים לעבן, וואו עס וועלן ניט זיין קיין מלכים און כהנים, רייכע און אָרימע, נאָר שפע'דיק געניסן פון דער אייגענער ערד־ארבעט.

דער איד, נאטירלעך, איז דער היסטאריש באשטימטער טרעגער פון דער דאָזיקער משיח־און־אחרית הימים אידייע. „וועט דאריבער אומ־קומען די „ממלכת החטאה — די זינדיקע קעניגרייך" און עס וועט אויפ־קומען דער בית יעקב, ווארום —

„פארטיליקן וועל איך ניט דאָס הויז פון יעקב, זאָגט גאָט.

ווארום זע, איך וועל לאָזן שאָקלען דאָס הויז פון ישראל
אזוי ווי עס ווערט געשאָקעלט אין א זיפּ;

אבער ניט א קערנדל וועט פאלן צו דער ערד.
דורכן שווערד וועלן שטארבן אלע זינדיקע פון מיין פאלק,
וואס זאגן: ניט קומען וועט אויף אונז דאס בייז.

און אין יענעם טאג וועל איך אויפשטעלן
דאס איינגעפאלענע ביידל פון דוד,
און איך וועל פארמויערן אירע ברוכן,
און זיינע חורבות וועל איך אויפשטעלן,
און וועל עס אויפבוען ווי אין אמאליקע טעג.

ס׳קומען אן טעג ווען דער אקערער וועט זיך טרעפן
מיטן שניטער,
און פון די בערג וועט טריפן זאפט,
און אלע הויכענישן וועלן זיך צוגיין.
און זיי וועלן אויפבויען די פארוויסטע שטעדט
און אין זיי וואוינען:
וועלן פלאנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין,
וועלן פלאנצן גערטנער און עסן זייער פרוכט.

און איך וועל זיי פארפלאנצען אויף זייער ערד.
און וועלן מער ניט אוועקגעריסן ווערן
פון דער ערד וואס איך האב זיי געגעבן״.
(קאפיטל 9, פסוק —15).

איז עס ניט זיכער צי דער עפילאג וואס אנטהאלט אין זיך אזוי פיעל ווארעמע טרייסט, איז באמת עמוס׳עם אדער איז שפעטער צוגע־שטעלט געווארען דורך די רעדאקטארן. עפעס שטימט ניט מיטן טאן פון עמוס דעם אומקאמפראמיסלעכן שטראפער. די דאזיקע הבטחות זיינען באין אופן ניט אין איינקלאנג מיט זיינע געוואגטע רעוואלוציאנערע רייד, און זיי צושטערן דעם גאנצן עפעקט פון זיינע מוטיקע ווארנונגען. אגב, אנטהאלט דער לעצטער קאפיטל אויך הבטחות פון מאטעריעלע געווינסן,

פון רייכקייט און נצחונות איבער די שונאים, און עמוס האָט נאָר גע־קעמפט פאר דעם היפוכ'דיקן — פאר א נאציע וואָס זאָל רעגירט ווערן דורך גערעכטיגקייט און רחמנות צו דער גאנצער מענשהייט.

עמוס איז פריהער פון אלץ געווען א קעמפער פאר סאָציאלער עטיק. די אידייען און פרינציפען וואָס ער האָט פראקלאמירט, האָבען געפונען אנערקענונג אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. בלויז דער מאָטיוו איז געווען א רעליגיעזער, אָבער די אידייע איז געווען א ריין סאָציאלע און עטישע. ער האָט אליין דורכגעפילט און דורכגעלעבט די סאָציאלע אומגערעכטיגקייטען, און ער איז געוואָרען די טריבון פון די אָרימע פאָלקסמאסען.

דער נביא שטעלט זיך ניט אָפּ פון שטראָפן די איינענע פאָ־ליטיקער, די אידישע רעגירונגס־מענשן, פאר מאכן פאָליטישע אליאנצן מיט פרעמדע אימפעריאליסטישע מלוכות. בעת די אמביציעזע אידישע פאָליטיקער האָבן פון אזעלכע פאראייניגונגען דערוואַרט גרויסע געווינסן פארן אידישן פאָלק און לאנד, האָבן די נביאים געשטורעמט קעגן די דאָ־זיקע פארבינדונגען און זיי גערופן: „דער בזיון פון יעקב" און דער „אומ־גליק פון ישראל".

אין זיינע רייד ליגט ברייטקייט און טיפקייט, און זיינע סאָציאלע לערן שטעלן אים אוועק אין דער פאָדערשטער ריי פון אלע קעמפער אין אלע צייטן. ער האָט זיך ניט באנוגנט מיט דער אומוואָרפונג פון די עקזיסטירנדיקע סאָציאלע און פאָליטישע אינסטיטוציעס, נאָר האָט גע־זוכט דורך פונדאמענטאלע רעפאָרמען זיי צו פרעזערווירן און מאכן עפעק־טיוו און ווירקנדיג לעולם ועד.

עמוס האָט ניט ארויסגעשטעלט קיין סאָציאליסטישן פראָגראם. זיין פאָליטישע פלאטפאָרם איז אָבער געווען א קלאָרע און פעסטגעשטעלטע — דער רעכט פונם יחיד און די פאראנטוואָרטלעכקייט פון דער געזעל־שאפט. ער האָט אין עצם ניט אטאקירט רייכקייט און רעגירונגס־הערר־שאפט, נאָר זייער אייגענוציגקייט און קרימינעלער אומגערעכטיגקייט. ניט בלויז האָט ער דערקלעהרט אז אן עפענטלעכער אמט און רייכקייט איז א געזעלשאפטלעכער טראַסט, א מין אָפּעקונסטוואָ, נאָר האָט אויך גע־פאָדערט אז גערעכטיגקייט און יושר זאָל זיין הערשנדיק אין יעדער גע־זעלשאפטלעכער באציאונג.

עמוס האָט די אָרדענונג ניט געענדערט, ניט אפילו אויסגעבעסערט די מאראליטעט פון דער געזעלשאפט. זיינע רייד זיינען אָבער ניט גע־בליבען אן א ווירקונג. ער האָט געלייגט דעם יסוד פאר דער אגיטירונג פון א מעהר יושר׳דיקן לעבן, און די נאָכקומענדיקע נביאים האָבן זיינע רייד פארברייטערט און פערטיפט. עמוס איז געווען דער אָנהויב פון א לאנגער פעריאָדע פון נביאים, וועלכע האָבן בסדר ממשיך געווען די דאָזיקע אָנגעהויבענע ארבעט אין יהודה און אין מלכות ישראל.

הושע

בלויז א וועלכע פופצען אָדער צוואנציק יאָר זיינען פאראיבער זינט עמוס איז אנטשוויגן געווארן, און שוין איז דער מצב אין מלכות ישראל געווען לגמרי פארענדערט. דער אידישער בראָך האָט זיך אנגע־הויבן, און אלע האבן איצט איינגעזען די ריכטיגקייט פונ׳ם נביא׳ס רייד. דער שונא איז מער ניט געווען נאָענט צום אידישן לאנד, נאר ווייט אין אינווייניקסטן טייל. אשור האט שוין ארויפגעלייגט זיין שווערע האנט אויף ישראל, און גערויבט אומברחמנות׳דיק.

כל זמן ירבעם דער צווייטער האָט נאָך געלעבט, האָבן די אידן זיך נאָך אויבנאויפיק געפילט שטארק און זיכער. ירבעם האט באזיגט דעם מלך פון ארם, באריכערט ס׳אידישע לאנד און אנטוויקעלט א גרויסע ציר־וויליזאציע און שפע. דורך די פילע דעראָבערונגען און האנדלס אונטער־נעמונגען, איז די אידישע עשירות כסדר געוואקסן. אמת, די פשוטע פויע־רים־מאסן זיינען געבליבן דערדריקט און פאראַרימט דורך די כסדר׳דיקע מלחמות, געזונקען טיפער און טיפער אין חובות צו די רייכע מאגנאטן, דאָך איז די צעריסענקייט צווישן די צוויי קלאסן נאָך ניט געווען אזא שטארקע. ירבעם האָט געקעניגט מיט א מעכטיקער האנד, זיך ווי עס איז אפילו באליבט געמאכט ביים פאָלק, און אנגעהאלטן דעם אינווייניקסטן פרידען.

דער נביא עמוס האָט אפילו שוין דעמאלט געווארנט און אנגע־וויזן אויף דער קורצזיכטיגקייט, אָבער קיינער האָט זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט. די רייכע זיינען געווען צופרידען מיט זייער רויב, און די ארימע האָבן זיך געטרייסט מיט די גרויסע פּאָליטישע נצחונות.

אנדערש איז אבער געווען די לאגע דערנאָך ווי ירבעם איז גע־שטאָרבן. דער זעלבער שונא וואס האָט צודריקט ארם, האָט אויך זיך ארייננגעריסן אין אידישן לאנד און ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פארניכטן די אידישע מלוכה. די ווייטזיכטיגקייט פונם נביא עמוס, האָט זיך איצטער ארויסגעוויזן צו זיין א רעאלער פאקט און אלע האָבען מיטאמאָל דערזען פאר זיך דעם שרעקנס־בילד פון גלות: ישראל וועט פארטריבן ווערן פון זיין לאנד.

אשור, די מעכטיגע אימפעריאליסטישע מלוכה, וואָס איז אויפגע־קומען אין מעסאָפּאָטאַמיע, האָט געהאַט איין געזעץ: גלות! און דאָס אי־דישע לאַנד איז מערער ווי אַן אַנדער לאַנד געווען אונטערוואָרפן דעם דאָ־זיקן געזעץ.

ארץ ישראל איז געווען דער דורכגאַנג צווישן די גרויסע מלוכות, און איז געלעגן איינגעקלעמט צווישן מעסאָפּאָטאַמיע, ארם און מצרים. יעדע גרויסע מלוכה האָט געזוכט צו באַהערשן דעם ברעג ביים מיטללענדישן ים — ארם און ארץ ישראל — און דאָס דאָזיקע איז תמיד געווען דער אי־דישער אומגליק.

אשור האָט געמוזט האָבן ארץ ישראל, כדי פון דאָרטן צוצוקומען קיין מצרים. מצרים ווידער האָט געזוכט צו קריגן ארץ ישראל, כדי דאַדורך זיך צו באַשיצן קעגן אשור. אַזוי איז דאָס אידישע לאַנד תמיד געווען צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע, און געצוואונגען די מלוכה תמיד צו פירן פּאָליטיק, זיך צו פאַרבינדן מיט איין מאַכט אָדער קעגן דער אַנדערער.

אויך איצטער איז דאָס אידישע פאָלק געווען צוטיילט אין צוויי פּאָליטישע לאַגערן. איין טייל האָט געפאָדערט אַ בונד מיט אשור, כדי זיך צו ראַטעווען פון ארם׳ס גורל און אונטערגאַנג; אַ צווייטער טייל האָט אָבער געפאָדערט יד אחת מיט מצרים כדי צוזאַמען אָרונטערצוּוואַרפן דעם אשורישן יאָך. די ביידע גרופּן האָבן צווישן זיך ביטער געקעמפט, און פאַרוואַנדלט די מלוכה אין אַ שפּילגעצייג.

נאָך ירבעם איז געוואָרן מלך, זכריה זיין זון, אָבער מער ווי זעקס חדשים האָט ער ניט געקיניגט. שלום בן יבש האָט געמאַכט קעגן אים אַ בונט, און אים געטוידט. קאָנטיק, אַז ער איז געווען גענייגט זיך צו פאַר־בינדן מיט מצרים קעגן אשור, און איז דערפאַר אַ חודש שפּעטער ווי ער איז אַרויף אויפן טראָן, געטוידט געוואָרן דורך מנחם בן גדי פון תרצה. אַ סך אידישע שטעדט האָבן דעם נייעם מלך אָבער ניט געוואָלט אָנער־קענען, האָט ער זיי פאַרניכטעט און אויסגעקוילעט די איינוואוינער, אַפילו קליינע קינדער און מעוברתע פרויען. ווען דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו בונטעווען, האָט מנחם זיך פאַרווענדט צום מלך אשור אים צו העלפן פאַרשטאַרקן די מלוכה. טויזנט צענטנער זילבער האָט ער געגעבן אשור׳ן, און דאָס דאָזיקע איז בלויז געווען אַ קליינער אָנהויב. חרוב מאַכנדיק צור און מצרים, האָט אשור זיך אַ לאָז געטאָן

אויף דער ישראל׳שער הויפטשטאָדט. מנחם, מורא האָבנדיק דאס פאלק זאל זיך ניט באנוצן מיט דער מהומה און אים אראָפּוואַרפן פון טראָן, האָט געלאָזן דעם אשורישן מיליטער אומגעשטערט אוועקפירן אן א צאל געפאנגענע און צוגעגעבן וויפיל געלט מען האָט נאָר געוואָלט.

צען יאר האָט מנחם אזוי געקיניגט איבער ישראל מיט דער הילף פונ׳ם אשורישן מיליטער. ווען ער איז געשטאָרבן, איז זיין זון פּקחיה געוואָרן מלך; אבער מער ווי צוויי יאר האט ער ניט געקיניגט. אים האָט דער׳הרגעט פּקח בן רמליהו, און אליין געוואָרן דער מלך.

פּקח איז אויך געווען פון דער פּארטיי וואס האָט געפאָדערט זיך צו פאַרבינדן מיט מצרים, און אים האָט די הצלחה אריינגעשפּילט אין האנד אריין. אין אשור האָבן אויסגעבראָכן אינווייניקסטע אומרוען, און דאס דאָזיגע האָט דעם נייעם אידישן מלך געגעבן א מעגלעכקייט צו בא פעסטיקן זיך אויפן טראָן. אויך ארם האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און די ביידע אייביקע פיינט — ארם און ישראל — האָבן געשלאָסן א פריינט־לעכן אפּמאך זיך צו פאראייניקן מיט מצרים אין אן אנפאל אויף אשור.

אין דער דאָזיקער פּאָליטישער קאמפּליקאציע, האָט אין ארץ ישראל פּאקטיש געהערשט א פולשטענדיקער כאָאָס. די רייכע מאגנאטן, וועלכע האָבן זיך נאָך אלץ געפילט זיכער אין שומרון, האָבן געהאט אן אומבאַ־גרענעצטע מאכט און מיט מערער רשעות געדריקט די אָרימע מאסן. קיין גערעכטיגקייט האָט ניט עקזיסטירט, און דער כל דאלים גבר — צום זיגער געהערט דער רויב—איז געוואָרן דער הויפּט יסוד.

אט דאמאלט האָט זיך עס דערהערט די שטים פונם צווייטן נביא אין ישראל. דאס מאל איז דער נביא ניט געקומען אין בית אל, אין גאָט׳ס טעמפּל, נאָר אין שומרון וואו עס האָט זיך אויפגעהאלטן די אידישע מלוכה מיט דער געלט־אריסטאָקראטיע. ווער און וואס דער דאָזיגער נביא איז געווען, ווייסט מען גאנץ ווייניק א חוץ אז זיין נאָמען איז געווען הושע דער זון פון בארי. פון וואס דער נביא זאגט וועגן זיך, קאן מען אבער לייכט פארשטיין אז ער איז געווען א שטאָדט־מענש און גוט געוואוסט דעם מצב פון לאנד און די פּאָליטישע רייסערייען.

הושע האָט זער א שארף אויג, און זיינע געדאנקען זיינען טיפע און דורכדרינגנדיקע. זיין שפּראך איז א בליצענדיקע, און אפט באנעמט ער די גאנצע הארבע פראגע מיט אן איינציקן זאץ, מיט אן איינציקע פראזע. ער איז אויך סאטיריש בייסנדיק, און מיט איין שניט צערייסט ער דעם

גאנצן אנגעווייטיקטן וואונד, באווייזנדיק אים אין זיין פולער מיאוס'דיג־קייט און צופוילטקייט.

זיינע געדאנקען, פונקט ווי די זאצן און פראזן, זיינען איינצעלנע און אברופטיווע, אן א סדר און צוזאמענבונד. אפט חזר'ט ער איבער די זעלבע געדאנקען, דעם זעלבן רעיון, אבער אומעטום איז ער אנגעקליידט אין א נייעם לבוש, אין א נייער צורה, אמאָל בלויז א דין שנירעלע, א דע־ליקאט פעדימל. אפשר איז עס די שולדיגקייט פון די רעדאקטארן, ווייל קיין אנדער ספר אין תנ"ך האָט אזא פאָרם און סטיל ווי הושע; און אפשר זיינען די דאָזיקע אברופטיווע געדאנקען טאקע דער פראָדוקט פונם נביא אליין. הושע אליין רופט זיך: „איש הרוח", א מענש וועמענס וואָרט איז תמיד אפהענגיק פון זיין גייסטיקן צושטאנד, פון זיין אינווייניקסטער איבערלעבונג.

אויך עמוס, דער ערשטער פון די נביאי הכתב, האָט געבויט זיינע געדאנקען אין ניט פולשטענדיגער ארדענונג. דאָך איז ביי אים פאראן מערער צוזאמענגעבונדנקייט. זיינע זעאונגען און בילדער אנטוויקלען זיך אויף א גראדיקן שטייגער, און ווערן צונויפגעקניפּט דורך אן איבער'־חזר'נדיקער פראזע אדער פסוק. יעדער רעיון איז א גאנצער און פארענ־דיקטער, כאטש ווי שווערע שטיינער, ניט ארומגעהאקטע און ניט ארומגע־שליפענע. ארדענונג איז אבער ביי איהם פאראן; יעדער שטיין ליגט אריינ־געפאסט איינער אויפן אנדערן, איינער נעבן אנדערן.

די רעיונות פון הושע זיינען אבער דורך און דורך צעטרייסלטע און צעוואָרפענע, כאָטש דוקא לייכטערע און שענערע, שטאַרקערע און טי־פערע. די סיבה איז אפשר לייכט צו פארשטיין: עמוס איז געקומען פון דער מדבר, צווישן דער שטילקייט פון בערג און ים — אן אָרט וואו ער האָט געקענט דערטראכטן זיינע רעיונות און זיי פארטיפן ביז גאנצקייט; הושע קומט אָבער פון דער גרויסער שטאָדט מיט זיין שטענדיקער טומל־דיגקייט און צומישעניש. עמוס האט על פי רוב געטראכט וועגן דער שוועס־טער מלוכה, וועגן ישראל, ווייט אוועק פון זיין אייגענער היים און לאנד. איבער יהודה האט נאָך ניט געשוועבט די אנקומנדיקע געפאר, און דער לעבן דאָרטן איז נאך אלץ ניט געווען אזוי פארדאָרבן און קאָרופּטירט ווי אין מלכות ישראל. הושע האט אָבער גערעדט הויפּטזעכליך וועגן מלכות ישראל, וואָס איז שוין געווען צוברעקלט און צוריסן, וואָס האָט

זיך שוין געבאָדן אין אייגענעם בלוט, און פּאַקטיש געהאַט פאַרלאָרן יעדע שטיקעל האָפענונג.

עמוס איז געקומען צו דער נבואה דורך דער דערקענטעניש פונם געטלעכן מהות, וואָס איז אַן אייביק אומפּאַסנדיקער כח, א כח וואָס איז אין זיין ברייטקייט און טיפקייט א שטראַפנדיקער און א רחמנות׳דיקער, א כח וואָס האָט פעסט באַשטימטע פאָדערונגען. דאָס דאָזיקע האָט אים, דעם נביא און זיין אייגענעם איך, אָוועקגעשטעלט כמעט אָן א זייט; ס׳איז ניט זיין גייסט, זיין שטימונג, זיין פרייד און לייד, נאָר דער עיקר׳דיקער יסוד פון דער געטלעכקייט — דער יסוד המשפט. אויף דעם דאָזיקן בויט ער זיינע רייד, אויף דעם כח וואָס פאָראַכט אומגערעכטיגקייט און משפט, האַרב און שטרענג — א פעסטגעשטעלטער כח, כמעט א נאַטירלעכער. ער, דער נביא, בלייבט שטיין אָן א זייט, מיט זיין אייגענער רואיגקייט, מיט זיין איי־גענער זיכערקייט

ניט אַזוי אָבער איז הושע. פון זיין אייגענעם וועזן שעפּט ער זיין נבואה. פון זיין אייגענעם לעבן, פון זיינע אייגענע ווייטאָקן און ראַנגלע־נישן, שפּראָצן די פונקען וואָס וואַרפן ליכט אויפן מצב פון זיין פאָלק. פון זיינע אייגענע האַרצס־וואונדן טריפט דאָס בלוט, וואָס גיט פאַרב צו זיינע רייד. ער איז דורכאויס מענש, דורכאויס בשר ודם, און האָט ענדערנדיקע געפילן און שטימונגען.

הושע ווערט באַווירקט פון זיין אייגענעם לעבן, פון זיין אייגענעם צער. ער האָט ליב געהאַט זיין פרוי, שטאַרק ליב געהאַט, מיט זיין גאַנצן וועזן און נשמה, און — זי האָט געפעלשט אין אים, אים פאַרראַטן. דער ווייטאָג איז גרויס, זער גרויס, און ער פאַרטראַכט זיך איבער זיין אייגענער ליבע, ער וויל זיין פאַררעטערישער פרוי פאַרגעסן, פאַרהאַסן, באַשטראָפן, אָבער ער קען ניט. ראַנגלט ער זיך צווישן צוויי קעגענגעזעצטע געפילן: די שטאַרקע שנאה און די פאַרבאָרגענע ליבע. פאַלט ער אריין אין יאוש, אין פאַרצווייפלונג, ביז עס גייט פאַר אים אויף א נײַ ליכט: זיין אייגן לעבן איז ניט בלויז זיינער, נאָר אויך זיין פאָלק׳ס. זיין לעבן איז בלויז א סימבאָל, אַן אָפּשיין, פון דעם לעבן פון זיין פאָלק אין וועמען גאָט איז אייביק פאַרליבט און לעבצט נאָך אייביקער טרייהייט.

און ער, דער פאַרליבטער און בענקנדיקער, דער ליידנדיקער און צעווייטיקטער, דער געטרייער און פאַרוואָרפענער, דער האַסנדיקער און

רחמנות׳דיקער, קומט צו זיין אייגענער אויפפאַסונג, אַן אויפפאַסונג וואָס איז אַזוי מענשליך און אינדיווידואַליסטיש, אַזוי פּשוט און נאַטירליך:

גאָט, כביכול, איז פאַרקנס׳ט צום פאָלק ישראל, און זי, די פאַר־קנס׳טע פרוי, האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעקערט פון איר פאַרליבטן מאַן און פאַרבראָכן קעגן איהם. גאָט, דער אייביק פאַרליבטער מאַן, איז גרייט אויפצונעמען זיין זינדיקער פרוי מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, צו פאַר־געסן און פאַרגעבן די פאַרגאַנגענהייט, נאָר זי, די זינדיקע פרוי, קערט זיך ניט אום און האָט ניט קיין חרטה. ער ווייסט אָבער, אַז זי איז די „יפה בבנות", די שענסטע און בעסטע צווישן אַלע טעכטער, און ער האָט איר דערפאַר ליב און וואַרט אויף איר חרטה און תשובה.

די קבלת התורה אויפן באַרג סיני איז געווען די פאַר׳קנס׳ונג, און ישראל איז געקרוינט געוואָרן דער „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אַ פּריסטער־קעניגרייך און הייליק פאָלק. זינט דאַמאָלס איז גאָט אין ישראל׳ן פאַר־ליבט, פאַרליבט מיט אַן אייביקער און אומבאַגרענעצטער ליבע, ווייל אויך ער אַליין איז אייביק און אומבאַגרענעצט. האָט ער זיך נאָר איינמאָל דער־קלערט אין ליבע און געזאָגט „והייתם לי סגולה מכל העמים — איר זאָלט מיר זיין געליבטער פון אַלע פעלקער", איז זיין ליבע שוין אַ שטענדיקע און אייביקע.

און האָט ער אויפגענומען די דאָזיקע אויפפאַסונג, דערהערט ער שוין ביי זיך אין האַרצן דעם רוף פון גאָט:

„גיי, נעם דיר אַ ווייב אַ זונה,
און קינדער פון אַ זונה,
וואָרום ס׳טוט מזנה זיין דאָס לאַנד,
אַוועק פון הינטער גאָט".

(קאַפּיטעל 1 פסוק 2).

די דאָזיקע ראָמאַנטישע סימבאָליזירונג צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל געפינען מיר כמעט ביי אַלע נביאים, און איז אויך געוואָרן דער פאָעטישער און קאָלירפולער אינהאַלט פון אַלע אונזערע אגדות און הויפּטזעכליך אין דער קבלה. אָבער בלויז ביים נביא הושע האָט דער ראָ־מאַנס דערגרייכט די פולשטענדיקע מדרגה פון אומבאַגרענעצטער ליבע.

דער נביא הושע וואַרפנדיק זיין בליק אויף דער וואונדער־געשיכטע פון אידישן פאָלק, אויף דעם לעבן פון די אבות און די איבערנאַטירלעכע

באפרייאונג פון גלות מצרים, האָט דאַרין דערזען די אומבאַשרענקטע פאַר־ליבטקייט פון גאָט, וועלכער איז, כביכול, פאַרבענקט אין זיין באַ־ליבטער כלה.

און דערפאַר זעט דער נביא די גליקליכע צוקונפט פונם אידישן פאָלק. אמת, „אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה אמלוך אליכם — מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם וועל איך קיניגן איבער אייך“, אָבער גאָט איז אויף אייביק פאַרליבט, און באַווייזט תמיד זיין גרויסן חסד.

קערן זיך די אידן אַמאָל אָפּ פון אים און גייען אין שלעכטע דרכים, וואַרט דער ארך אפּים אין זיין גרויס ליבשאַפט, טאָמער־טאָמער וועלן די אידן זיך דאָך צוריקקערן צו איהם. און טאָמער זיינען די אידן שטאַרק האַרט־נעקיג אין זייער צעלאָזענקייט, האָט ער שוין זיינע שלוחים — מצרים, אשור, בבל און אַנדערע — און זיי טרייבן שוין דעם אידן צוריק צו זיין אייביק געליבטער.

„און די צאָל פון די בני ישראל
וועט זיין ווי דער זאַמד ביים ים,
וואָס קאָן ניט געמאָסטן ווערן און ניט געציילט ווערן;
און עס וועט זיין,
אויפן אָרט וואָס צו זיי פלעגט געזאָגט ווערן:
איר זענט ניט מיין פאָלק,
וועט צו זיי געזאָגט ווערן:
קינדער פון לעבעדיקן גאָט“.
(קאַפּיטעל 2 פסוק 1).

די דאָזיקע טרייסט ווערטער גלייך ביים סאַמע אָנהויב פון זיין נבואה, שפּרודלט מיט דער טיפער, ראָמאַנטישער ליבע צום פאָלק ישראל. דאָרטן וואו עס איז פאַראַן אמתע ליבע, איז אויך פאַראַן אמתע בענקשאַפט און פאַרגעבונג. גאָט, כביכול, האָט ליב זיין אויסדערוויילט פאָלק, פאָ־דערט ער דאַריבער פולשטענדיקע טרייהייט, אמתע ריינקייט, צניעות און קדושה. טרעפט זיך אָבער אַז זיין געליבטע מאַכט חן'דעלעך צו פרעמדע, ווערט אַ זונה, ווערט ער פאַרביטערט און שטראָפט איר. אָבער אפילו די שטראָף, ווי האַרב און גרויס זי זאָל ניט זיין, קוועלט אַרויס פון זיין טיפער, אומענדלעכער ליבע.

הושע פארוועגדט זיך דאָ צו זיינע איינענע קינדער פון זיין ווייב די זונה:

„קריגט אייך מיט אייער מוטער, קריגט אייך,
ווארום זי איז ניט מיין ווייב,
און איך בין ניט איהר מאן;
און זאָל זי אפטאן איר זנות פון איר פנים,
און איר ניאוף פון צווישן אירע בריסטן.

אניט וועל איך זי אויסטאן א נאקעטע,
און זי לאזן שטיין ווי אין געבארנשאפט;
און איך וועל זי מאכן ווי א מדבר,
און זי לאָזן ווערן ווי א טרוקן לאנד,
און זי טוידטן מיט דאָרשט.

און אירע קינדער וועל איך ניט דערבארעמען,
ווארום קינדער פון זנות זיינען זיי.

ווארום מזנה געווען האָט זייער מוטער,
פארמיאוסט האָט זיך זייער געווינערין.
ווארום זי האָט געזאגט:
איך וועל גיין נאָך מיינע ליבהאָבער,
די וואָס גיבן מיין ברויט און מיין וואסער,
מיין וואָל און מיין פלאקס,
מיין אויל און מיין געטראנק“.
(קאפיטעל 2 פסוק 4-7).

אין זיין צאָרן און פארדרוס שטראפט ער זיין געליבטע, אבער ניט איר צו פארניכטען און אומברענגען, ניט כדי זיך נוקם צו זיין אין איר, נאָר צוריקצוברענגן צו זיך.

„דרום זע, איך פארשטעל דיין וועג מיט דערנער,
און וועל פארצאמען א גדר ארום איר,
אז זי זאָל אירע שטעגן ניט געפינען.

און זי וועט נאָכיאָגן אירע ליבהאָבער
און זיי ניט דערגרייכן,
און זי וועט זיי זוכן און ניט געפינען;
און זי וועט זאָגן:
איך וועל גיין און זיך אומקערן צו מיין ערשטן מאן,
ווארום דאמאלט איז מיר בעסער געוועז ווי אצינד".

(קאפיטעל 2 פסוק 8—9).

דער נביא רעדט פון זיך, פון זיינע אייגענע לײדן, פון זיין אײ־
גענער פרוי און קינדער, אבער ער דערזעט באלד אויך דעם יחס און שייכות
צווישן גאט און זיין פאלק ישראל.

„און זי ווייסט ניט, אז דאָס האָב איך געגעבן
די תבואה, דעם וויין און דעם אויל;
און דאָס זילבער און גאָלד וואס איך האָב געמערט,
האָבן זיי פארראטן אויף געצנדינסט.

דרום וועל איך צוריקנעמען מיין תבואה אין צייט,
און מיין וויין אין זיין געשטעלטער צייט,
און איך וועל אוועקרייסן מיין וואָל און מיין פלאקס,
וואָס איז געווען איר נאקעטקייט צו פארדעקן.

און אצינד וועל איך אנטפלעקן איר שאנד
פאר די אויגען פון אירע ליבהאָבער,
און קיינער וועט זי ניט מציל זיין פון מיין האנט.

און איך וועל מאכן אויפהערן איר גאנצע פרייד,
איר יום טוב, איר ראש חודש און איר שבת,
און אלע אירע פייערטעג.

איך וועל פארוויסטן איר וויינשטאק און איר פייגנבוים
וואָס זי האָט געזאגט: א מתנה זיינען זיי מיר,
וואָס מיינע ליבהאבער האָבן מיר געגעבן;

און איך וועל זיי מאכן פאר א וואלד,
און די חיה פון פעלד וועט זיי אויפעסן.

און איך וועל זיך רעכענען מיט איר
פאר די טעג פון די בעל-געטער,
וואָס זי האָט געדויכערט צו זיי,
און אנגעטאָן אירע אוירינגען און איר צירונג,
און געגאנגען נאָך אירע ליבהאָבער,
און אָן מיר האָט זי פארגעסן, זאָגט גאָט".
(קאפיטל 2 פסוק 10—15).

און ווייל ער האט איר אזוי היים ליב, וועט ער גיין צו איר און „ריידן צו איר הארצן:"

„אָבער זע, איך רייד זי איבער,
און וועל זי אוועקפירן אין מדבר,
און וועל ריירן צו איר הארצען.

און איך וועל איר אָפּגעבן אירע וויינגערטנער,
און דעם טאָל פון קומער פאר א טיר פון אָפּענונג;
און זי וועט דארטן זינגען ווי אין די טעג פון איר יוגנט
און ווי אין טאָג פון איר ארויסגאנג פון מצרים.
און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, זאגט גאָט,
וועסטו רופן: מיין מאן,
און וועסט מיך מער ניט רופן: מיין אויבערהאר.

און איך וועל אפּטאָן די בעל-געטער פון איר מויל,
און זיי וועלן מער ניט געדאכט ווערן מיט זייער נאָמען.

און איך וועל שליסן א בונד אין יענעם טאָג,
מיט דער חיה פון פעלד, מיט דעם פויגל פון הימעל,
און מיט דעם שרץ פון דער ערד;
און בויגן, שווערד און מלחמה וועל איך צוברעכן,
און וועל זיי מאכן ליגן אין זיכערקייט".
קאפיטל 2 פסוק 16—20).

און דאס דאָזיקע איז דעם נביא'ס אויפפאסונג פונם שידוך צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל:

„און איך וועל דיך פאַר'קנס'ן צו מיר אויף אייביק,
און דיך פאַר'קנס'ן צו מיר מיט רעכט און גערעכטיגקייט,
און מיט גענאד און בארמהארציגקייט.

און איך וועל דיך פאַר'קנס'ן מיט טריישאַפט,
און וועסט דערקענען גאָט.

און וועל זאָגן צו ניט-מיין-פאָלק:
מיין פאָלק ביסטו,
און ער וועט זאָגען:
מיין גאָט".

(קאפיטעל 2 פסוק 21—25).

און ווידער נעמט דער נביא אן אומגעטרייע פרוי צו מאָלן דעם בילד פון ישראל.

„און גאָט האָט צו מיר געזאגט:
גיי ווידער און האָב ליב א פרוי,
געליבט פון א ליבהאָבער, אָבער א נואפטע;
און ווי יהוה האָט ליב די קינדער פון ישראל,
און זיי קערן זיך צו פרעמדע געטער,
און האָבן ליב טרויבנקוכנס.

האָב איך זי מיר געקויפט
פאר פופצן זילבערשטיק,
און א חומר גערשטן,
און א לתך גערשטן.

און איך האָב צו איר געזאָגט:
פיל טעג זאָלסטו זיצן אליין,

זאָלסט ניט מזנה זיין,
און ניט געהערן צו קיין מאַן,
און דעסגלייכן איך קעגן דיר.

ווארום פיל טעג וועלן די בני ישראל
זיצן אָן א מלך, און אָן א האר,
און אָן א שלאכטפעלד, און אָן א זיילשטיין,
און אָן אן אפוד און אן תרפים.

דערנאָך וועלן די בני ישראל זיך אומקערן,
און זיי וועלן זוכן יהוה זייער גאָט,
און דוד זייער מלך,
און זיי וועלן אנגסטן צו יהוה
אין סוף פון די טעג״.
(קאפיטעל 3 פסוק 1—5).

הושע איז ניט דער אומברחמנות׳דיקער באשטראָפער; ער איז בלויז דער באדויערער. זיין אייגענע פרוי און דאס פאלק ישראל, די פאר־שוועכער פון דער ריינער און הייליקער ליבע, זיינען ניט קיין פארדאָרבענע, ניט קיין אומווירדיקע און להכעיס׳ניקעס, נאר פשוט פארבלענדעטע און פארפירטע, אומוויסנדיק און נאריש.

„פארשניטן ווערט מיין פאלק פון ניט פארשטאנדיגקייט;
ווייל דו האָסט פאראכט וויסן,
האָב איך דיך פאראכט פון צו זיין מיר א כהן;
אז דו האָסט פארגעסן די תורה פון דיין גאָט,
וועל איך אויך פארגעסן אן דיינע קינדער״.
(קאפיטעל 4 פסוק 6).

אנדערש איז אבער זיין שטעלונג צו די כהנים. זיי זיינען די ווי־סנדיקע, די געלערענטע און פירער, און זיי האבען בארארפט ווירקן אויפן פאָלק צו גוטן.

„דרום וועט זיין, אזוי דאָס פאָלק אזוי דער כהן,
און איך וועל זיך רעכענען מיט אים פאר זיינע וועגן,
און זיינע מעשים וועל איך אים אומקערן.

און זיי וועלן עסן און ניט זאט ווערן,
זיי זיינען מזנה, אבער זיי וועלן זיך ניט מערן,
ווייל זיי האָבן אויפגעהערט צו אכטן אויף גאָט“.
(קאפיטעל 4 פסוק 9—10.)

דאָס פאָלק אבער איז בלויז פארפירט און פארנארט דורך זייער בלינדקייט און אומוויסנקייט.

„מיין פאָלק פרעגט ביי זיין האלץ,
און זיין שטעקן באשיידט אים;
ווארום א גייסט פון זנות האָט אים פארפירט,
און זיי האָבן אים אָפגעקערט פון זייער גאָט.

איך פארדענק ניט אייערע טעכטער וואָס זיינען מזנה,
און אייערע שניר וואָס זיינען אומטריי,
אז זיי אליין גייען מיט זונות אוועק,
און מיט שאנדווייבער ברענגען זיי אפּפער;
און ס'פאָלק וואס פארשטייט ניט, ווערט געשטרויכלט“.
(קאפיטעל 4 פסוק 12—14).

פקח בן רמליהו, דער מלך פון ישראל, האָט אין זיין בונד ארייננע־נומען אויך דעם מלך פון יהודה, און א נאָענטקייט און פריינטשאפט האָט אָנגעהויבן הערשן צווישן די צוויי שוועסטער מלוכות. די ישראל'שע פאר־דארבנקייט האָט זיך גאר גיך פארוואָרצלט אויך אין יהודה, און דער נביא האָט דאס דאָזיקע ניט פארזען.

„אויך יהודה טוט שטרויכלען מיט זיי.
די הארן פון יהודה זיינען ווי גרענעץ פארכאפּער,
אויף זיי וועל איך אויסגיסן ווי וואסער מיין צאָרן“.
(קאפיטעל 5 פסוק 5—10).

און ווען דער ישראל׳שער מלך האָט זיך פארוועגדט צו אשור און געזוכט זיין הילף, האָט דער נביא איינגעזען אז זיין פאלק איז אליין פאר־קראָכן צום לייב אין מויל אריין.

„און אפרים האָט געזען זיין קראנקשאפט,
און יהודה זיין וואונד;
איז אפרים געגאנגען צו אשור,
און האָט געשיקט צום מלך שטרייטער;
אָבער ער קאָן אייך ניט היילען,
און ער וועט ניט אָפּטאָן פון אייך די וואונד.

ווארום איך וועל זיין ווי א לייב צו אפרים,
און ווי א יונגלייב צום הויז פון יהודה;
אוועקטראגן, און קיינער וועט ניט מציל זיין".
(קאפיטעל 5 פסוק 13—14).

די לעצטע פאר שורות זיינען פאקטיש די זעלבע ווי ביי עמוס׳ן. קאנטיק, אז הושע האָט אין זיינע יונגע יארן געהערט די שטראָף־רייד פון עמוס, און זיי האָבן זיך אים איינגעקריצט אין הארצן. אויך אין א סך אנ־דערע ערטער הערט זיך אין זיינע רייד דער אפקלאנג פון עמוס׳עס ווערטער. אפט בויט ער טאקע דארויף זיין געדאנק, אפט פארענדערט ער זיי און אמאָל מאכט ער זיינע אייגענע קעגנערישע אויספירונגען.

עמוס רעדט ניט פון פארהיילונג, נאָר תמיד פון פארציקונג און פארניכטונג. הושע אבער איז דער פארליבטער, וואס שטראָפט אבער היילט.

„קומט און נאָמיר זיך אומקערן צו גאָט,
ווארום ער האָט פארצוקט, און ער וועט אונז היילן,
ער שלאגט, און ער וועט אונז פארבינדן.

און נאָמיר דערקענען,
נאָמיר זיך יאגן צו דערקענען גאט;
זיכער ווי דער באגינען איז זיין ארויסגאנג;
און ער וועט קומען צו אונז ווי דער רעגן,
און ווי שפעט־רעגן וואָס באוואסערט די ערד".
(קאפיטעל 6 פסוק 1—3).

דער נביא דערפארשט די הויפט סיבה, וואס האט דערפירט צו אזא צושטאנד, און ער געפינט עס אינם כאַאָס וואס הערשט ארום דער רעגי־רונג. גרופן און פארטייען, צוריסענקייט און צושפליטערטקייט, און די רעגירונג איז אָן האפט און אָן מאכט.

„מיט זייער בייז דערפרייען זיי דעם מלך,
און מיט זייערע ליגנס די הארן.

אלע זיינען זיי נואפים,
ווי אַן אויוון אנגעהייצט פון בעקער,
וואָס מען הערט בלויז אויף שארן,
פון פארקנעטן דעם טייג ביז'ן זויער ווערן.
(קאפיטעל 7 פסוק 1).

דער נביא בלוטיקט פון צער וואס די היילונג ווערט דערווייטערט, צוריקגעהאלטן.

„ווי איך וויל היילן ישראל,
אזוי ווערט אנטפלעקט די זינד פון אפרים,
און די שלעכטסקייטען פון שומרון:
ווארום זיי באגייען פאלשקייטן,
א גנב ברעכט איין,
און א באנדע באפאלט אויפן גאס“.

אין דעם טאָג פון אונזער מלך
זיינען די הארן קראנק פון וויין־דערהיצונג;
ער אליין שטרעקט אוים זיין האנט צו די אפשפאָטער.

זיי אלע גליען ווי אן אויוון,
און זיי פארצערן זייערע ריכטער;

אלע זייערע מלכים זיינען געפאלען,
קיינער צווישן זיי רופט ניט צו מיר״.
(קאפיטעל 7 פסוק 3—7).

און דער נביא צארנט קעגן אט דער גאנצער צעפוילטער ארדנונג :

„אפרים, ער מישט זיך מיט די פעלקער,
אפרים איז געווארן אן איבערגעקערטער קוכן.
פרעמדע האָבן אויפגעגעסן זיין כח,
און ער מערקט ניט ;
שוין גראָע האָר דורכגעשפריצט ביי אים,
און ער מערקט ניט.

און דער שטאָלץ פון ישראל איז געבויגן,
אבער זיי קערן זיך ניט אום צו יהוה
און זיי זוכן אים ניט ביי דעם אלעמען.

און אפרים איז געוואָרן ווי א נארישע טויב,
מצרים האָבן זיי גערופן,
קיין אשור זיינען זיי געגאנגען.

זיי קערן זיך, אָבער ניט צו דער הויך,
ווי א פאלשער בויגן זיינען זיי געוואָרן ;
ווען פאלן דורכן שווערד זייערע הארן
פאר דעם צאָרן פון זייער צונג,
און מען וועט שפאָטן פון זיי אין מצרים״.
(קאפיטעל 7 פסוק 8—16).

און ווידער שטראָפט דער נביא און זאָגט אָן וועגן שלעכטן סוף.

„ישראל האָט פארלאזט דאָס גוטס,
טאָ זאָל אים דער פיינט נאָכיאגן.

זיי האָבן געמאכט מלכים, אבער אָן מיר,
געמאכט הארן, און איך האָב ניט געוואוסט ;

פון זייער זילבער און גאָלד
האָבן זיי זיך געצקעס געמאַכט;
דרום וועט ער פארשניטן ווערען".
(קאפיטעל 8 פסוק 3—4).

און דער סוף פון אַט דער פאליטישער פאראייניקונג מיט די פרעמ־דע פעלקער וועט זיין:

„זיי וועלן ניט זיצן אין לאנד פון גאָט,
און אפרים וועט זיך קיין מצרים אומקערן,
און אין אשור וועלן זיי אומריינס עסן.

געקומען זיינען די טעג פון רעכנשאפט,
געקומען זיינען די טעג פון באצאָלונג;
געוואר ווערן וועט ישראל".
(קאפיטעל 9 פסוק 3—6).

צובראָכן און צעוויטיקט איז געווען דער לעבן מיט זיין פרוי, די זונה, אבער אויך זיין וועג אלס נביא איז ניט אויסגעשפרייט מיט רויזן.

א נאר איז דער נביא,
משוגע איז דער מאן פון גייסט.

דעם נביא שטעלט ער א פאסטקע,
פיינטשאפט אין הויז פון זיין גאָט".
(קאפיטל 9 פסוק 7—8).

און ער דערמאנט זיך אָן דער גוטסקייט וואס גאָט האט געטאן צו די אידן, און ווי מיאוס זיי האָבן אים אָפּגענארט.

„אז ישראל איז יונג געווען,
האָב איך אים ליב געהאט,
און פון מצרים האָב איך גערופן מיין זון.

מיט מענשליכע שטריק האָב איך זיי צוגעצויגן,
מיט שנורן פון ליבשאַפט;
און איך בין זיי געווען
ווי אַראָפּנעמער פון יאָך,
און עסן פלעג איך אים דערלאַנגען.

און מיין פאָלק קווענקלט זיך אומצוקערן,
און מען רופט איהם אין דער הויך,
אָבער טוט זיך ניט דערהויבן".
(קאַפּיטעל 11 פּסוק 1—7).

און דאָך? דאָך איז זיין ליבע אומבאַגרענעצט און הערשנדיק. ס'האַרץ קאָן מען ניט דערשטיקן און געפילן קאָן מען ניט דערדריקן.

„ווי קאָן איך דיך איבערגעבן, אפרים?
דיך איבערענטפערן, ישראל?
ווי קאָן איך דיך מאַכן צו דערערד?
דיך לאָזן ווי די צבאים?
מיין האַרץ קערט זיך אום אין מיר,
מיין גאַנצער רחמנות צינדט זיך אָן.

איך וועל ניט אויספירן מיין גרימצאָרן,
איך וועל מער ניט אומברענגען אפרים;
וואָרום גאָט בין איך און ניט א מענש —
דער הייליקער צווישן דיר —
און איך וועל ניט קומען מיט צאָרן".
(קאַפּיטעל 11 פּסוק 8—9).

אין זיין אויפפאַסונג פונם פאָלק ישראל ווי א לייכטזיניקע פרוי, וואָס פאַרראַט איר מאַן וועלכער ליבט איר הייליק און טייער, באַציט זיך דער נביא אויף דער געשיכטע פון יעקב אבינו'ס אַנטלויפן פון זיין ברודער עשיו'ס צאָרן, און זיין אַנקומען צום כיטרען פעטער לבן ביי וועמען ער האָט געמוזט אַרבייטן פירצען יאָר נאָכאַנאַנד איידער ער האָט געקראָגן זיין

געגארט ווייב, רחל. און אין זיין צוריקבליקען אויף דער געשיכטע דערזעט ער די אידישע געגנווארט.

„און יעקב איז אנטלאָפען אין פעלד פון ארם,
און ישראל האָט געדינט צוליב א ווייב.
און צוליב א ווייב האָט ער שאָף געהיט".
(קאפיטעל 12 פסוק 13).

אין דעם דאָזיקן כאראקטעריסטישן עפיזאד פון יעקב'ס לעבן, דער־זעט דער נביא דעם שטענדיקען גורל פון אידישען פאָלק:

יעקב פארלאָזט זיין פאטער'ס הויז פארפאלגט און געיאגט פון זיין ברודער עשיו'ס כעס און רציחה. ער ווערט א וואנדערער, א פליכטלינג אין א פרעמד לאנד, און וואו ער קומט געפינט ער בלויז שטיינער און שטע־רונגען. כי בא השמש — די זון גייט אונטער, ניטא קיין ליכטיקער שטראל, ניטאָ קיין מנוחה, ניטא קיין זיכערקייט.

און דער נביא אין זיין דיכטערישער וויזיע סימבאליזירט די פאסי־רונג ווי זי ווערט דערציילט אין דער תורה:

ויפגע במקום — און יעקב באגעגנט דעם מקומו של עולם און חלום'ט זיין גאלדענעם חלום: א לייטער שטייט אויף דער ערד, און זיין שפיץ דערגרייכט דעם הימל. הימלישע מלאכים גייען ארויף און אראָפ, אראָפ און ארויף, און וה' נצב עליו — און גאט שטייט איבער אים, וואכט איבער אים, און ליבט אים.

און יעקב וואנדערט ווייטער אויף שטעכיקע שטיינער און אונטער א קאלטן פינסטערן הימל, און קומט צו זיין פעטער לבן הארמי און פאר־ליבט זיך אין רחל.

דער נביא דערזעט די השגחה פון גאָט, וועלכער פירט עם יעקב'ן איבער וועגן און שטעגן, מאכט אים ארבייטן שווער און ביטער פירצן יאר נאָכאנאנד, אבי ער זאל זיך באהעפטן מיט זיין אמתער געליבטער פון וועמען עס דארף ארויסקומען דער „בית יעקב"—דאס אידישע פאלק.

יעקב איז דא בלויז געווען דער שליח פון גאט. תמיד שיקט גאט צו זיינעם א שליח, דעם נביא, צוריקברענגען דעם אידן צו זיין געליבטן.

„און דורך א נביא האָט גאָט ארויסגעבראכט
ישראל פון מצרים,
און דורך א נביא איז ער אפגעהיט געווארן“.
(קאפיטעל 12 פסוק 14).

און דער נביא דערציילט ווייטער די געשיכטע פון די אידן און שטעלט זיך אפּ אויף אפרים, יענעם גרויסן טייל פון אידישן פאָלק וואס האָט זיך אָפּגעריסן פון יהודה דורך דער רעוואָלוציע פון ירבעם בן נבט, דער רשע וואס „האָט אַליין געזינדיקט און געמאכט אנדערע צו זינדיקן“.

„דערצערענט ביז גאָר האָט אפרים,
דארום וועט ער אויסלאָזן זיין בלוט אויף אים,
און זיין לעסטערונג וועט אים אומקערן זיין האר“.
(קאפיטעל 12, פסוק 15).

אמאָל איז ישראל געווען שטארק און פעלקער האָבן פאר אים געציטערט, אָבער וואָס איז איצטער?

„אז אפרים האָט גערעדט איז געווען א ציטערניש,
דערהויבן איז ער געווען אין ישראל;
האָט ער זיך פארשולדיקט מיט געצנדינסט,
און ער איז געשטאָרבן.

און אצינד זינדיקן זיי אלץ מערער,
און האָבן זיך געמאכט א בילד פון זילבער,
דאָס ווערק פון אלע מייסטערס.
אויף זיי קאָן מען זאָגען:
מענשן שעכטן זיי, קעלבער קושן זיי.

דארום וועלן זיי זיין ווי א פרימאָרגן וואָלקן,
און ווי דער טוי וואָס פארגייט אין דער פרי,
ווי שפּריי וואָס ווערט אוועקגעבלאָזן פון שייער,
און ווייִרויך דורכן פענסטער.

און איך בין דאָך דיין גאָט פון מצרים אָן,
און קיין גאָט אחוץ מיר קאָנסטו ניט,

און ניטאָ קיין העלפער אויסער מיר.
איך האָב דיך דערקאַנט אין דער מדבר,
אין א לאנד פון טריקעניש.

ווי זיי האָבן זיך געפיטערט,
אזוי זיינען זיי זאט געוואָרן,
און זייער הארץ האָט זיך דערהויבן,
דערפאר האָבן זיי פארגעסן אָן מיר.

דארום בין איך צו זיי ווי א לייב געווארן,
ווי א לעמפערט אויפן וועג וועל איך לויערן;
איך וועל זיי באגעגענען ווי א בעריכע פון קינדער בארויבט
און איך וועל אויפרייסן דעם שייד פון זייער הארצן,
און וועל זיי אויפעסען דאָרטן ווי א לייבנטע;
א חיה פון פעלד וועט זיי צעררייסן".
(קאפיטל 13 פסוק 1—8).

אין הושע ראנגעלט זיך דער נביא און דער מענש. דער נביא זעט די גרויסע זינד און בארעכטיקט די שטראָף, וואס מוז און זאל קומען. דער מענש אין אים, לײדט אָבער מיטן פאלק און ס'הארץ זיינס בלוטיקט איבער דער גרויסער שטראָף. דערפאר רופט ער אזוי אפט זיין פאָלק צו תשובה. אין יעדן פרק, ביי יעדער זעאונג און ביי יעדער שטראָף־רייד, חזר'ט דער נביא איבער זיין געבעט זיך צוריקצוקערן צו דער געטליכער הויכקייט, צו דער אמאָליקער גייסטיגקייט. שטארקער און מער עמפאטיש איז אבער דער לעצטער געבעט צום סוף פון ספר:

„שובה ישראל —
קער זיך אום, ישראל, צו גאָט דיין האר,
ווארום האָסט געשטרויכלט דורך דיינע זינד.

נעמט מיט אייך מיינע ווערטער,
און קערט אייך אום צו גאָט;
זאָגט צו אים: פארגיב אלע זינד,

און נעם אָן דאָס גוטע;
און נאָמיר צאָלן מיט אונזערע ליפּן אנשטאאט אקסן.

אשור וועט אונז ניט העלפען,
אויף פערד וועלן מיר ניט רייטן,
און וועלן מערער ניט זאָגן „אונזער גאָט"
צום ווערק פון אונזערע הענט;
ווארום נאָר דורך דיר ווערט דערבארעמט דער עלנדער".
(קאפּיטעל 14 פּסוק 2 —4).

און פונקט ווי א פארליבטער מאן נעמט צוריק זיין פארפירטער פרוי, אזוי וועט גאט אויך צוריקנעמען זיין געליבטע, די כנסת ישראל.

„איך וועל היילן זייער אפּקערונג,
איך וועל זיי ליב האָבן הארציק,
ווארום מיין צאָרן האָט זיך אפּגעקערט.

איך וועל זיין ווי דער טוי צו ישראל;
ער וועט בליען ווי א ליליע,
און שלאָגן זיינע ווארצלען ווי דער לבנון.

זיינע צווייגן וועלן זיך שפּרייטן,
און זיין גלאנץ וועט זיין ווי פון איילבערטבוים,
און א ריח וועט ער האָבן ווי דער לבנון.

די וואָס זיצן אין זיין שאָטן
וועלן ווידער אויפברענגען תבואה,
וואָס וועלן בליהען ווי א וויינשטאָק".
(קאפּיטעל 14 פּסוק 5—8).

דער נביא שפּרייט דאָ פאנאנדער די פארהאנגען פון מענש און לעבן, און באווייזט אז דער מענש טאָר קיינמאָל ניט פארצווייפלען, טאָר קיינמאָל ניט אוועקגעריסן ווערן מיט דער מאטערניש פונם געוויסן. די

שערי תשובה זיינען קיינמאָל ניט פארשלאָסן, תשובה איז אזוי גרויס אז דעם מענשנ׳ס בייזוויליקע זינד ווערן פארוואנדעלט אין זכותים, ווייל דורך דער חרטה ווערט ער געלייטערט און גערייניקט.

און האלטנדיק זיך שטרענג ביי דער אנשויאונג אז דער איד איז בטבע ניט זינדיק, ניט פארדאָרבן, נאָר פשוט פארפירט און פארבלענדט, פארענדיקט ער —

„ווער קלוג איז זאָל דאָס פארשטיין,
ווער פארשטענדיק איז זאָל עס מערקן,
אז גלייך און רעכטפארטיק זיינען גאָט׳ס וועגן,
און די גערעכטע גייען אין זיי,
און די פארברעכער שטרויכלען אין זיי".

דער מענש איז בלויז בלינד, פונקט ווי זיין אייגענע פרוי איז, פאר־נאַרט און פארברענט פון ליידנשאפט, צעטומעלט צוליב די אייגענע קעמפנדיקע כחות — דאָס הארץ און די נשמה, דער באנער און דער געוויסן.

די געטליכקייט, וואס איז די שלמות׳דיקייט פון אלע ראפינירטע געפילן און געדאנקען, פון אלע מעשים טובים און אידייאישע באשטרע־בונגען, דארף זיין דער אנשפאר פאר׳ן מענשן און נאר די דאָזיקע געטלע־כע אטריבוטן דארפן זיין די מענשלעכע אייגנשאפטן.

ישעיהו

ישעיהו׳ס פּראָפעטישע טעטיגקייט ווערט איינגעטיילט אין פיר באַשטימטע פּעריאָדן. דער ערשטער פּעריאָד אויסשפּרייטנדיק זיך איבער די יאָרן 735־738 פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג, איז רעפּרעזענטירט אינעם געטלעכן רוף צו דער נבואה און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע רעדעם וואָס געפינען זיך אין די קאַפּיטלעך צוויי, דריי, פיר, פינף, ניין און צען. דער צווייטער פּעריאָד זיינען די יאָרן 734 און 735, די קריטישע יאָרן ווען די גרויסע ארמייען פון מלכות ישראל און מלכות ארם (דמשק) האָבן יהודה׳ן ארומגערינגעלט פון אַלע זייטן צווינגנדיק איר זיך מיט זיי צו פאראייניקן אין א מלחמה קעגן דעם אַלגעמיינעם מעכטיקן שונא אשור. די קאַפּיטלעך זיבן, אַכט און טיילוויז אויך זיבעצן געהערן צו דעם דאָזיקן פּעריאָד. די דריטע תקופה, אַריינגעמענדיק די יאָרן פון 701 ביז 710, שליסט אין זיך איין די ערשטע גרויסע אינוואַזיע פון סנחריב מלך אשור. דער פירטער און לעצטער פּעריאָד איז די צייט פון סנחריב׳ס צווייטער אינוואַזיע אין בערך 690 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

צוליב דעם וואָס דער ספר ישעיהו איז ניט כראָנאָלאָגיש אַראַנזשירט, איז עס אוממעגלעך צו באַשטימען מיט זיכערקייט צו וועלכן פּעריאָד די אָדער יענע רעדע געהערט. דער כלל פון אין מוקדם ומאוחר בתורה, ס׳איז ניטאָ קיין אָרדענונגספּולע צוזאַמענשטעלונג פון פריער אָדער שפּעטער אין דער תורה, איז אויך דאָ הערשנדיק. אַלערליי אָנווייזונגען און דערקלערונגען וועגן דעם אָדער יענעם פּסוק און קאַפּיטל, זיינען בלויז ספּעקולאַטיווע און פּשוטע השערות.

עס איז אויך ניט שטאַרק זיכער וועלכע פון די רעדעס עס זיינען געווען די ערשטע, כאָטש די ביבלישע פאָרשונג וויל דוקא האָבן אַז דער שיר הכרם, דער געזאַנג פון וויינגאָרטן, איז געווען פון די סאַמע ערשטע.

ישעיהו האָט אָנגעהויבן זיין נבואה אין די טעג פון עוזיהו דעם מלך פון יהודה, בערך דריי טויזנט הונדערט און פערציק יאָר לבריאת העולם, און איר אָנגעהאַלטן אין די טעג פון יותם, אחז און חזקיהו, די דריי נאָכקומנדיקע מלכים. ער האָט אַזוי אַרום דורכגעמאַכט דעם

גאנצן שטורם־און־דראנג פעריאָד סיי אין דער מלכות ישראל און סיי אין דער מלכות יהודה. פאר זיינע אויגן איז פאָרגעקומען דער פינאלער חורבן פון די עשרת השבטים, דעם מלכות ישראל, און אין זיין צייט האָט די אימפעריאליסטישע מלוכה פון אסיריען (אשור) אָנגעהויבן דעם חורבן פון יהודה, וואָס איז שפּעטער פארפולשטענדיגט געוואָרן דורך בבל.

זיין באציאונג צו די פיר מלכים פון יהודה, איז על פּי רוב געווען א נעגאטיווע און אנטאגאניסטישע. אין די טעג פון עוזיהו האָט זיך די אידן אין יהודה געלעבט גאנץ צופרידענשטעליק, און ישעיהו האָט באגרענעצט זיין נבואה בלויז אויף שטראָף רייד קעגן דעם אינער־לעבן גייסטיקן חורבן. שוין דאמאָלט האָט ער פאראויסגעזען די גרויסע געפאר מצד דעם אויפשטייגנדיקן אשור און טאקע וועגן דעם געווארנט און געמוסר׳ט, אָבער קיינער האָט זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט. ער האָט ביטער געקעמפט קעגן דער אריסטאָקראטיע, וועלכע האָט געלעבט א פארשייט און לוקסוריעזן לעבן אויפן חשבון פון די אָרימע ברייטע פאָלקסמאסן. זיינע פייערדיקע רעדעס האָט ער געהאלטן מיינסטענס אין בית המקדש יעדן שבת, ראש חודש און יום טוב ווען די אריסטאָקראטן און געלד מאגנאטן האָבן זיך פארזאמלט מקריב צו זיין זייערע פעטע קרבנות.

אין דער צייט פון קעניג יותם איז זיין נבואה־וואָרט געוואָרן שאַר־פער און ביטערער, ווייל דאמאָלט איז די אומרעכט אין לאנד געוואָרן גרעסער און שטארקער. ערשט דער קעניג אחז האָט זיך באצויגן מיט טיפער הכנעה צום נביא, און האָט אים טיילווייז אויך געפאָלגט. דער־פאר אָבער האָט דער נביא פייערלעך באגריסט די טראָן באשטייגונג פון קעניג יחזקיהו, וועמען ער זאָגט פאר גרויס דערפאָלג אין דער מלוכה פירונג. יחזקיהו האָט טאקע דעם גאנצן לעבן זיינעם זיך באמיט צו דערהויבן דעם גייסטיקן מצב און אויסצופאָלגן די רייד פונם נביא.

די גייסטיקע ירידה און אָפּווייכונג פון די מאראליש־עטישע פאָר־שריפטן פון דער תורה משה, די פעלערהאפטע סאָציאלע לאגע און באַ־יויבונג פון די אָרימע פאָלקסמאסן, די אינווייניגסטע מהומות און אומ־רוען, די שטענדיקע דראָאונגען פונם אויסנווייניקסטן מעכטיקן שונא — אָט די דאָזיקע אומשטענדן זיינען עס געווען דער הינטערגרונט וואָס האָט ארויסגערופן ישעיהו׳ס נבואה.

פערציק אָדער פופציק יאָר נאָכאנאנד האָט ישעיהו אָנגעהאלטן

ווינע שטראָף־רייד. נאָך א יונגערמאַן, אפשר בלויז צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק יאָר, איז ער געווען ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין אקטיוויטעט אין יהודה, און שוין זיינע ערשטע רעדעס דעמאַנסטרירן זיין גרויסע וויזיע און דיכטערישע קראַפט. אין יעדן וואָרט זיינעם מערקט זיך די אומבאַגרענעצטע ענערגיע, די מוטיגקייט און געוואַגטקייט, די גרויסע ערודיציע און פּאָליטישע קענטשאַפט, דעם געזונטן שכל און שאַרפע תפיסה, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַן אומבאַגרענעצטער מאָס.

ישעיהו איז געווען גוט באַקאַנט מיט יעדן ווינקל פוןביידע אי־דישע מלוכות, האָט געהאַט א פולשטענדיקן באַגריף וועגן די נאָענטע און ווייטע לענדער, געוואוסט זייער פּאָליטישן מצב, זייערע אמביציעס און אספּיראַציעס, און אויך פאַרגעזען דעם ווייטערן גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע. ער האָט פראַנק און פריי געקוקט די לעבעדיקע פאַקטען אין פּנים און געצויגן פון זיי זיינע לאָגישע און אומפאַרמיידלעכע שלוסן און מסקנא׳ס.

ישעיהו האָט זיך ווייניק וואָס גערעכנט מיט דעם דעת הקהל, מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג; נאָך ווייניקער האָט ער זיך גערעכנט מיט די דאָמאַלסטיקע סטאַנדאַרדן און אָנגענומענע לעבנס־פאָרמען. ער האָט אויפגעפאַסט א וויזיע פון עטוואָס העכערס, עטוואָס בעסערס, און זיין אומרו האָט אים מער ניט געלאָזט בלייבן גלייכגילטיק.

ישעיהו האָט מער פון אַלע אַנדערע נביאים אָנגעקליידט זיינע זעאונגען אין א שפע פון שפּראַכלעכער שיינקייט און בילדלעכקייט. אין אַנדערע צייטן און אונטער אַנדערע אומשטענדן איז זיין וואָרט געזאָגט געוואָרן, און דאָך ווערט די קינסטלערישע שיינקייט קיינמאָל ניט פאַר־עלטערט. זיין יעדער וואָרט איז א האַרמאָנישע סימפאָניע, א פּאָעמע אין קלאַסישער פאָרם פון קלאַנגפולן ריטם און סטיל: זיין יעדער וואָרט וואַרעמט און באַלויכט, אינספּירירט און דערהויבט, באַגייסטערט און וועקט; זיין יעדער וואָרט איז אַן אש להבה, א פלאַמיק פייער, וואָס דערגרייכט אונז פון די הויכע הימלען פון דער געטלעכער עטישקייט, פון די איידלסטע הומאַניטאַרע געפילן, און וועט קיינמאָל, קיינמאָל, ניט אויסגעלאָשן ווערן.

ישעיהו איז קודם כל געווען דער גרויסער דיכטער וואָס האָט באַזונגען די שיינקייטן פון אמת׳דיגקייט, די הערלעכקייט פון קדושה, די נאָבלקייט פון דער עטיק, און די גבורה פון יושר׳דיגקייט. זיין

סטיל איז אן אייגנארטיקער, און אונטערשיידט זיך סיי אין פאָרם און סיי אין דער קאנסטרוקציע, כאָטש דער אינהאלט איז ביי אלעמען פאקטיש דער זעלבער.

ישעיה איז געווען א מענש פון שארף אנטוויקעלטער עמאָציע, און די דאָזיקע עמאָציע האָט עס באווירקט דעם גרויסן כח פון זיין וויזיאָנערישער פייאיגקייט. אין דער עמאָציע, איז די דערקענטעניש פון אחדות געקומען צום שארפסטן אויסדרוק. דער גלויבן האָט געברענט אין אלע פיבערן פון זיין נשמה, און יעדער געדאנק זיינער, יעדער געפיל, איז דערפון באהערשט געוואָרן. צו דער געטלעכער דערקענטעניש איז ער געקומען אויף זיין אייגענעם אופן, דורך זיין אייגענעם דרך — דורכן וועג פון פארטיפונג און פארטראכטונג, דורכן אידיש־געשיכטלעכן וועג פון דורכלײדן און דורכגיין אלערליי צרות און ליידן, אכזריות און פיי־ניגונגען, ווייל די ליידן פון די אידן, ווי פון דער גאנצער מענשהייט, זיינען אויך געווען זיינע אייגענע ליידן.

אין אלע זיינע נבואות'ן גייט דורך די ליניע פון געטלעכער אייביגקייט און די אייביגקייט פונם אידישן פאָלק. דער איד ווערט פון גאָט ניט פארלאָזן אפילו דאמאָלט ווען ער זינדיקט און ווערט דער־פאר באשטראָפט. דאריבער זיינען אלע זיינע נבואות'ן, אפילו די וואָס אנטהאלטן די שטרייננסטע שטראָף־רייד, דורכגעוועבט מיט הארציקער טרייסט.

ישעיהו איז געווען דער פאקטישער באשאפער פון דער אחרית הימים אידייע, און מיט דער דאָזיקער אידייע איז ער דורכגעדרונגען יעדן מאָל ווען ער זוכט אן אויסוועג צו דער געשאפענער סיטואציע. די אידעאָלאָגיע איז א פשוט'ע: דער זעלבער אין סוף'דיקער גאָט וואָס האָט באַשאפן דעם מענשן בצלמו ובדמותו, אין זיין פאָרם און אין זיין געשטאלט, אים געבנדיק פון זיך דעם אמת, וועט אויך מוזן דערפילן די תשיקה און באגער דעם מענשן אויסצולייזן און דערהויבן. וועט דעריבער קומען דער אחרית הימים, די שפּעטערדיקע צייט, ווען די געטלעכקייט וועט שטראלן מיט דעם אייביקן ליכט, און פונקט ווי ס'טרעפן זיך גרויסע איבערקערענישן פון וועלטן און לענדער פון וועלכן אלטע ווערן פארלאָרן און נייע ווערן געבוירן, אזוי וועט אויך זיין אן איבערקערעניש אינם מענשלעכן גייסט דורך א נייע דערהויבנקייט, א גייסט וואָס וועט זיין הוילע קדושה, וועט ווידעראמאָל געבוירן ווערן.

די אחרית הימים אידייע פון וועלכער עס איז אויך ארויסגעוואקסן געוואָרן די אידייע וועגן א משיח, איז די אידייע פון מענשלעכער אויס־לייזונג, די לייזונג פון דער סאָציאלער, נאציאָנאלער און אינדיווידועלער פארשקלאפקייט און די דערהויבונג פונם גייסט איבער דער מאטעריע, די פארשענערונג פונם מענשלעכן לעבן, דער ובחרת בחיים, וואָס איז די הויפט באשטרעבונג פון דער תורה. אין דער דאָזיקער אידייע האָט דער נביא דערזען די האָפענונג און באשטרעבונג צו א פריי לעבן פון יושר און גערעכטיגקייט, דעם עתיד לבא ווען די עטיק און מאָראל וועט באאיינפלוסן מענש און וועלט.

ישעיהו איז געווען באלעבט פון א פארגייסטיקטער, טיף־עטישער געטלעכער דערקענטעניש ווי א יסוד פון אידן און אידישקייט. ער האָט געזען דעם דערהויבענעם גייסט פון דער תורה, וועלכע איז באזירט אויף די צוויי עמודים: די באציאונגען צווישן מענש און גאָט און צווישן מענש און מענש; אינם „אנכי" וואָס איז אָן אן אָנהויב און אָן א סוף און באלעבט די וועלט און אלע אירע באשעפענישן, און אין דער תורה וואָס איז דער רעאלער פאקטאר און מקור פון אלע הומאניטארע געזעצן. אין זיין דיכטעריש־וויזיאָנערישער פאנטאזיע האָט ער אויפדאָסניי איבער־געלעבט די קבלת התורה ביים בארג סיני און דערפילט די התגלות אלקית, די געטליכע אנטפלעקונג, וואָס האָט איהם גע'טובל'ט אין טיפער קדושה פון יראת הרוממות.

און אָט ווי יענע וואונדערלעכע אנטפלעקונג און דערקענטעניש ווערט דורך אים וויזיאָנעריש געזען:

„אינם יאָר וואָס דער מלך עזויהו איז געשטאָרבן, האָב איך געזען גאָט זיצן אויף א הויכן און דערהויבענעם טראָן, און זיינע ברעגן האָבן אָנגעפילט דעם היכל. שרפים זיינען געשטאנען איבער אים; צו זעקס פליגלען, צו זעקס פליגלען האָט איטלעכער געהאט; מיט צוויי האָט ער פארדעקט זיין פנים, מיט צוויי האָט ער פאדרעקט זיינע פיס, און מיט צוויי איז ער געפלויגן, און איינער האָט גערופן צום אנדערן און געזאָגט:

קדוש, קדוש, קדוש ד' צבאות מלא כל הארץ כבודו—הייליק, הייליק, הייליק איז דער גאָט פון צבאות; די גאנצע וועלט איז פול מיט זיין פראכט.

און די ביישטידלעך פון די שוועלן האָבן זיך געטרייסלט פון דעם קול פון די רופער, און דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט רויך.

און איך האָב געזאָגט:
ווי איז מיר, ווארום איך בין פארשניטן,
ווייל א מענש מיט אומריינע ליפּן בין איך,
ווארום דעם מלך ד' צבאות האָבן מיינע אויגן געזען.
און צווישן א פאָלק מיט אומריינע ליפּן זיץ איך.

איז צוגעפלויגן צו מיר איינער פון די שרפים, און אין זיין האנט איז געווען אן אָנגעברענטער שטיין וואָס ער האָט גענומען פון מזבח, און ער האָט אים צוגערירט צו מיין מויל און האָט געזאָגט:

„זע, דאָס דאָזיקע האָט אָנגערירט דיינע ליפּן,
אָפּגעטאָן איז דיין פארברעכן,
און דיינע זינד וועט פארגעבן ווערן.

און איך האָב געהערט דעם קול פון גאָט ווי ער זאָגט:
וועמען זאָל איך שיקן און ווער זאָל פאר אונז גיין?
האָב איך געזאָגט:
דאָ בין איך, שיק מיך!".
(קאפּיטל 6, פּסוק 1—9)

דער יונגער נביא איז געווען שטארק פארצווייפעלט און געמאַטערט פון ספקות און ייאוש. קומט ער זוכן טרייסט אין בית המקדש, און דאָרטן לעבן ער דורך די התגלות אלקות, דערקענט די גאָטהייט און די יצירה. די דערקענטעניש פארכאַפּט אים, פאראינטריגירט אים. ער וויל דערזען די גאנצע פראכט און שיינקייט, אָבער ער קאָן ניט. דער היכל אלקים ווערט אָנגעפילט מיט רויך, און צו אים דערגרייכט בלויז גאָט'ס שטים: אנכי ד' אלקיך — איך בין גאָט, דיין גאָט!

און אָט די דאָזיקע שטים דערוועקט אין אים די אימאַגינאַציע, ער ווערט אינספּירירט פון דער געטלעכער אנוועזנהייט און דערזעט זיך ביים בארג סני וואו ער איז צווישן די וואָס זיינען מקבל די תורה. דאָ דערפילט זיך אָבער דער יונגער נביא קליין און שולדיק. איז ער דאָך אליין געשטאנען ביים בארג סני און האָט ער דאָך אליין זיך מתחייב

געוועז, טאָ פארוואָס שווייגט ער, פארוואָס שטורעמט ער ניט די אידן צו תשובה ?

אויף א ווייל באקומט ער חלישת הדעת: איז ער באמת ראוי צו זיין א נביא און מוכיח ביי אידן? איז ער באמת בעסער ווי די איבריקע פון זיין פאָלק ?

„ווי איז מיר, ווארום איך בין פארשניטן,
ווייל א מענש מיט אומריינע ליפן בין איך,
און צווישן א פאָלק מיט אומריינע ליפן זיץ איך".

אָבער בעת ער ווערט פארכאפּט פון טיפן ייאוש, קומט צופליען איינער פון די שרפים, בארירט זיינע ליפן מיט אן אָנגעברענטן שטיין פון מזבח של מעלה און זאָגט צו אים:

„זע, דאָס דאָזיקע האָט אָנגערירט דיינע ליפן,
אָפּגעטאָן איז דיין פארברעכן,
און דיינע זינד וועט פארגעבן ווערן".

און דער מדרש טייטשט אויס די סימבאָלישקייט פון דעם ברע־נענדיקן שטיין:

קום, ישעיה, מיט מיר צו די מזבחות, די שייטערהויפנס און אינ־קוויזיציעס, און זע ווי דאָס פאָלק ישראל איז זיך מקריב אויפ'ן מזבח פאר גאָט און זיין תורה. דערלאָז ניט צו זיך די ספקות און ייאוש און משפט ניט דיין פאָלק ווערליק די איצטיקע זינד. דער מזבח, זייער שטארבן אויף קדוש השם, וועט די זינד פארגעבן. זיי זיינען איצטער זינדיק, פארפירט און דערשלאָגן, נאָר דערפאר וואָס זיי האָבן ניט קיין נביא, וועלכער זאָל זיי שטראָפן און צוריק ארויספירן אויפן גליכן וועג.

„האָב איך געזאָגט:
דאָ בין איך, שיק מיך!"

און אָט אזוי איז עס ישעיה דער זון פון אמוץ געוואָרן דער גרוי־סער נביא ביי אידן.

די גרויסע ענדערונגען, פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יהודה־לאַנד, האָבן מסוגל געמאַכט די דערשיינונג פונם גרויסן שטראָפער און וויזיאָנער.

לכתחילה האָט זיך אין לאַנד געלעבט רואיק און אידיליש. דער רוב עולם האָט זיך באשעפטיקט מיט ערד ארבעט און וויניק וואָס געוואוסט פון מסחר און אינדוסטריע. בלויז איין איינציקער האנדלס־וועג האָט געפירט דורך יהודה קיין מצרים, איז ער אויך אָפט פארשטעלט געוואָרן דורך דעם מלכות ישראל.

די אינטענסיווע ערד ארבעט, דער פארפלאנצן וויינגערטנער און פיטערן שאָף, האָט געמאַכט דער באפעלקערונג צו לעבן פשוט און פריי־מיטיוו. קיין רייכקייט איז אין יהודה ניט געווען, אָבער דערפאַר האָט דאָרטן געהערשט אינוויינינקסטער פרידן און די אידישע מאראליש־עטישע געזעצן זיינען וויניקער אָדער מערער תמיד אָפּגעהיט געוואָרן.

דער געוויינטלעכער לעבן מיט זיין שטענדיקער רואיגקייט — כאָטש אָפט זיינען דוקא פאָרגעקומען קליינע אומוויכטיקע מלחמות — האָט ניט געקענט ארויסרופן די דערשיינונג פון גרויסע אָנגעזעענע נביאים. דער לעצטער נביא דאָרטן איז געווען אחיה פון שילון, וועלכער איז אנטשווינגן געוואָרן נאכדעם ווי דער גרויסער שטורם, די צוטיילונג פון דער מלוכה, איז געווען פאראיבער.

אן אנדער פּנים האָט אָבער יהודה אָנגענומען נאכדעם ווי ירבעם דער צווייטער פון מלכות ישראל און עוזיהו, דער מלך פון יהודה, האָבן געהאט גרויסע נצחונות איבער זייערע שונאים. דער גאַנג פון די פּאַר־סירונגען אין די צוויי אידישע לענדער, איז א לאַנגע צייט געגאַנגען אין איין און זעלבער דירעקציע. דער שלום און אלגעמיינער שטילשטאַנד וואָס האָט זיך איינגעשטעלט נאָך די פארלענגערטע מלחמות צווישען ישראל און ארם, האָט געבראַכט א שפע אויך אין יהודה. ארם איז געווען פולשטענדיק באזיגט, דער פארמאַרש פון די איבריקע שונאים איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, און קאַראוואַנען האָבן זיך איצטער געצויגן אויך דורך די וועגן פון יהודה. עוזיהו האָט פארטריבן די וואַנדערנדיקע שבטים ביים עק פון דער מדבר, פארטריבן די פּלישתים, באזיגט אויך עמון, און זיין לאַנד יהודה איז מיט אמאָל געוואָרן שטאַרק אויסגעברייטערט. עוזיהו איז געווען צו יהודה וואָס ירבעם איז געווען צו ישראל:

ער האָט דערהויבן זיין פאָלק און לאַנד צו א הויך, וואָס איז קיינמאָל פריער ניט דערגרייכט געוואָרן.

דער נייער און ענגער קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט און די גאָר גרויסע שפע, וואָס איז ארויסגעבראַכט געוואָרן דורך עוזיהו'ס נצחונות, האָט פּראָדוצירט דעם זעלבן פּאָליטישן און סאָציאַלן מצב ווי ער איז געווען אין ישראל. נייע אמביציעס און האָפענונגען האָבן דער־וואַכט אין פאָלק, און פרעמדע פירונגען און אידייען האָבן זיך באַפעס־טיקט. די אריסטאָקראַטיע און דער קעניגליכער הויף האָבן אַממערסטן פּראָפיטירט פון דער ניי געשאַפענער רחבות. צו זיי אליין האָט גע־הערט דער גאַנצער רויב, און בלויז זיי אליין האָבן געהאַט די פּריווי־לעגיע זיך צו באַנוצן מיט דעם אויסלענדישן האַנדל.

אונטער דעם דאָזיקן איינפלוס האָט זיך אויך פאַרמערט דער גייעג נאָך א לוקסוריעזן און פאַרשווענדערישן לעבן. דער הערשנדיקער קלאַס האָט ווייניק וואָס געפילט זיין פאָלקס־אחריות, און בלויז געזוכט איינער דעם אַנדערען איבערצוויאָגן אין דער נאָכמאַכונג און אימיטירונג פון די פרעמדע מנהגים. די אַלטע איינגעוואָרצלטע פשטות און אידייאיש־קייט האָט אָנגעהויבן אימפּעטיק צו פאַרשווינדן, און אויף זייער אָרט איז געקומען דער פאַלשער שטאָלץ און יאָגעניש נאָך רייכקייט און פאַר־גענינגן. די ברייטע מאַסן זיינען געוואָרן דערדריקט, דער אָרימאַן באַרויבט, און יהודה, האָט פאַרלאָרן יעדען חוש פאַר מאָראַלער און סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

אין סוף פון עוזיהו'ס מלוכה, נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט צוויי און פופציק יאָר, און הויפּטזעכלעך אין די טעג פון זיין זון יותם, האָט זיך דער אומדערוואַרטעטער קריזיס שוין אָנגעהויבן אָנרוקן. די מעכטיקע אשור האָט אָנגעהויבן איינגעמען איין לאַנד נאָכן אַנדערן, און יהודה איז געלעגן אין סאַמע מיטן פון איר פאַרמאַרש. די מלכים, וועלכע האָבן דאַמאָלט באַדאַרפט זיך צוגרייטן צו דער לאַגע, זיינען אָבער געווען פאַרטאָן אין זעלבסטזיכטיקע נוצן און פאַרגעניגן, פאַרזינקען אין קאָ־רופּציע און אין נאַרעשוואַטן שטאָלץ, און ניט געזען די אָנקומנדיקע געפאַר.

ביסלעכווייז האָט זיך אויך דער רעליגיעזער לעבן אָנגעהויבן צו פאַרענדערן. אין יהודה איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן די טראַדי־ציאָנעלע אכטונג צום מלכות בית דוד און צום בית המקדש אין ירושלים.

אמת, ס׳זיינען געווען מזבחות און בימה׳עס אין כמעט יעדער שטאָדט, אָבער דער בית המקדש איז דאָך פארבליבן דער רעליגיעזער צענטער וואָס האָט משפיע געווען אויפן גאנצן לאנד. דער בית המקדש איז געווען געהייליקט בלויז צום אידישן גאָט, דעם השם צבאות, און אפילו דער ריטואל, די עבודה אין בית המקדש, איז אויך געווען ריינער און טראַדיציאָנעלער ווי אין ישראל.

אָפט האָט אפילו געטראָפן אז א מלך פון יהודה האָט אריינגעבראכט נייע מנהגים, אָבער די ברייטע פאָלקסמאסן האָבן זיך תמיד אנטקעגן געשטעלט, און די נייע איינפירונגען אונטערגעבראכט.

פאָליטיש איז יהודה תמיד געשטאנען מערער אונטער דער השפעה פון מצרים איידער פון אשור, צור און צידון. די מצרישע געטער זיינען אָבער געווען פרעמד דעם אידישן גייסט, און די סכנה איז דאריבער קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסע. ווען יהודה איז אָבער פארכאפט געוואָרן אין שטורם פון די גרויסע וועלט געשייעניש אין מערב אזיע, און אָנגעהויבן קומען אין נאָענטער בארירונג מיט די איבריקע פעלקער, האָט זיך אויך געשטארקט דער פרעמדער איינפלוס, און דער געצנדינסט פון בעל האָט זיך באפעסטיקט.

אזוי האָט, למשל, געטראָפן אז אחז דער מלך פון יהודה איז ארויסגעגאנגען קיין דמשק באגעגענען תגלת פלאסר דעם מלך פון אשור, האָט ער צוליב דאנקבארקייט און אונטערטעניגקייט צום מעכטיקן מלך צוגעשיקט א מאדעל פון א געצנדינערישן מזבח פארן בית המקדש אין ירושלים. ווען ער איז פון דער באגעגעניש צוריקגעקומען, האָט ער טאקע געענדערט דעם גאנצן אויסזען פון בית המקדש און זיין ריטואל. כדי זיך נאָך מער צו פארזיכערן, האָט ער אויפגעבויט א סך מזבחות צום אשורישן גאָט. געהייסן האָט עס אז די מזבחות זיינען פארן אשורישן מיליטער וואָס איז פארבליבן אין לאנד, אָבער באמת האָט עס פארניכטעט די אידישע אמונה און פארוואנדלט דעם בית המקדש אין א געצנדינערישן טעמפל.

און ווי תמיד איז אויך דער אינווייניקסטער אחדות־געפיל געוואָרן געבראָכן. די אָרימע פאָלקסמאסן האָבן זיך געבונטעוועט קעגן די אריסטאָקראטן און באדריקער; די מלוכה׳שע בעאמטע און הויפלייט האָבן געקעמפט איינער קעגן אנדערן אויפן פאָליטישן פעלד: האָט איינער געוואָלט א בונד מיט מצרים, האָט דער אנדערער געוואָלט מיט

אשור, און אָט אזוי האָט זיך דער חורבן וואָס איז פאראויסגעזאָגט גע־
וואָרן פון די פריערדיקע נביאים אָנגערוקט פון אלע זייטען: פון דרויסן
און פון אינווייניק.

און אָט די דאָזיקע ענדערונגען און איבערקערענישן, די פּאָליטישע
און רעליגיעזע, די מאָראלישע און סאָציאלע, האָבן אוועקגעלייגט דעם
יסוד פאַר דער דערשיינונג פון נביאים אין יהודה.

די נבואה אין יהודה איז אייגנטלעך ניט געווען קיין גאָר נייע
דערשיינונג. דער אנדענק פון שמואל הנביא איז אין יהודה א סך מערער
אָפּגעהיט געוואָרן ווי אין ישראל. אויך האָבן דאָרטן מיט יאָרן פריער
געלעבט די נביאים נתן און אחיה, און אפילו די רייד פון אליהו און
אלישע זיינען דאָרטן דערגרייכט געוואָרן. די רייד פון עמוס און הושע
האָבן זיכער ניט פארפעלט צו מאכן דאָרטען א רושם, ווייל זייערע
רייד זיינען אהין געבראכט געוואָרן שוין אין א געשריבענער פאָרם. דער
ערשטער שריפטלעכער נביא אין יהודה האָט דאריבער שוין געפונען פאַר
זיך אַן אויסגעטראָטענעם וועג, און האָט מער ניט באדארפט בלאָנדזשען
אין פינסטערניש. ער האָט פאַר זיך געזען די גאנצע אידישע געשיכטע,
די גאנצע סיטואציע און צוטומלטקייט, וואָס האָט אים געקענט דינען
פאַר א באזיס.

דעם ערשטן ארויסטריט זיינעם, ווערליק דעם סדר אין ספר ישעיהו,
האָט ער געמאכט אין קאמף קעגן דעם געצנדינסט און היפּאָקריטישער
פרומקייט. זייענדיק באווירקט פונם לויטערן תורה־גייסט, האָט ער געזוכט
דערהויבן דעם מענטשן צו א העכערן באגריף פון דער געטלעכקייט און
צו א מין עבודה, וואָס זאָל זיין דער אויסדרוק פון אמת'דיקער, ריינער
אמונה, פון א דערהויבענעם, ליכטיקן געדאנק, פון א אומבאגרענעצטער
ליבע און הייליקער יראה, און ניט צו עפּעס אזוינס וואָס איז ליגנעריש
און פאלש, געמיין און שלעכט, היפּאָקריטיש און פארשטעלט.

אין יענער צייט איז די אידישקייט געווען א דרויסנדיקע און
אויבערפלעכליכע, א קרומע און צודרייטע, א פאלשע און צבועות'דיקע,
און דעם נביא'ס ערשטער וואָרט איז געווען פול מיט פאראכטונג קעגן
דער דאָזיקער זינד:

„הערט איר הימלען, און פארנעם דו ערד,
ווארום גאָט האָט גערעדט:

קינדער האָב איך דערצויגן,
און זיי האָבן געפּעלשט.

אַן אָקס דערקענט זיין בעל הבית,
און אַן אייזל די קאַריטע פון האר:
ישראל דערקענט מיך ניט,
מיין פאָלק קוקט זיך ניט אום.

וויי, זינדיקע אומה,
פאָלק פול מיט פארברעכן,
זאמען פון שלעכטסטטוער,
קינדער פארדאָרבענע!
פארלאָזן האָבן זיי גאָט,
געלעסטערט דעם הייליקן פון ישראל,
אהינטער זיך אָפּגעקערט.
וואו נאָך ווילט איר געשלאָגן ווערן,
וואָס איר קערט אייך אָפּ?
דער גאנצער קאָפּ איז דאָך שוין קראנק,
און דאָס הארץ — אין ווייטיק.
פון פוסטריט ביזן קאָפּ
איז קיין גאנצער גליד ניטאָ,
נאָר א ריס, א בייל און אַן אייטעריקע וואונד;
ניט אויסגעדריקט זיינען זיי געוואָרן,
ניט פארבונדן, און ניט מיט אויל ווייך געמאכט.

אייער לאנד איז א וויסטעניש,
אייערע שטעדט — אין פייער פארברענט;
אייער ערד — פרעמדע פארצערן איר,
און וויסט איז זי ווי נאָך א פארפלייצונג".
(קאפיטל 1 פסוק 1—7).

דער נביא באגרייפט און דערפילט מיט אלע זיינע חושים די אנ־
ווענקייט פון גאָט אין דעם גאנצן קאסמאס, אומעטום און אין יעדען

אָטעם־צוג דערפילט ער אים, און דערפאר איז אים אזוי שטארק דערווידער דער פרימיטיווער, פאגאנישער באגריף פון זוכן גאָט בלויז אין איין איינציקן אָרט, אין א וואוינונג אויף דער ערד, און אים מפצה זיין מיט א געקוילעטן אָקס אָדער שעפּס.

„צי וואָס מיר אייערע פילע קרבנות ?
איך בין זאט מיט בראנדאפער פון ווידערס,
און מיט פעטס פון געשטאפטע ;
און בלוט פון אָקסן, שעפּסן און בעק,
וויל איך ניט האָבן.

און איר קומט זיך ווייזן פאר מיר,
ווער בעט אייך מיינע הויפן צו באטרעטן ?

ניט ברענגט מער אייערע פאלשע קרבנות,
אַן אומווירדיקע דעמפונג איז ער מיר ;
ראש חודש און שבת, יום טוב'דיקע צונויפזאמלונג —
אומגערעכטע איינזאמלונג קאָן איך ניט ליידן !

אייערע ראש-חודש'ן און ימים טובים
האָט מיין זעל פיינט ;
זיי זיינען מיר צו לאסט,
און קאָן זיי ניט פארטראָגן.

און אז איר שפּרייט אויס אייערע הענט,
וועל איך פארהוילן מיינע אויגן ;
וויפיל איר זאָלט ניט תפילה טאָן,
הער איך ניט צו ;
אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט !"
(קאפיטל 1, פסוק 11—15).

געטלעכקייט איז דער ריינסטער קוואל פון קדושה און רחמים, פון שיינקייט און גוטסקייט, פון גערעכטיגקייט און הארציגקייט, דארום —

„וואשט אייך, רייניקייט אייך,
טוט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים
און הערט אויף שלעכטס טאָן.

לערנט טאָן גוטס,
זוכט גערעכטיגקייט,
שטארקט דעם געדריקטן,
טוט רעכט דעם יתום,
נעמט זיך אָן פאר דער אלמנה".
(קאפיטל 1, פסוק 16—17).

און נאָך טרעפנדיקער און הארבער איז דער פארוואורף, ווייל שארפער און קלאָרער ווערט דער נביא'ס באגריף פון מציאת השם און עבודת הבורא, פון געטלעכער דערקענטעניש און טרייער דינסט:

„און אָט זוכן זיי מיך טאָג נאָך טאָג,
און דערקענען מיינע וועגן ווילן זיי!
ווי א פאָלק וואָס טוט נאָר גוטס
און פארלאָזט ניט דעם געזעץ פון גאָט,
פרעגן זיי מיך וועגן גערעכטיגקייט:

פארוואָס פאסטן מיר און דו זעסט ניט?
מיר פייניקן אונזער לייב, און דו מערקסט ניט?
זעט, אין אייער פאסטן געפינט איר אייגענעם נוצן,
און אלע אייערע בעלי חובות דערדריקט איר.

איר פאסט דאָך נאָר צוליב קריג און שטרייט,
און צו שלאָגן מיטן פויסט פון אומרעכט;

איז דען דער פאסטן וואָס איך קלויב אויס,
א טאָג דער מענש זאָל פייניקן זיין לייב?
צי דאָס רופסטו אָן פאסטן,
און טאָג פון באוויליגונג צו גאָט?

אַט דאָס־אָ הייסט א פאסט־טאָג:
לויז מאכן די קייטן פון אומרעכט,
אָפּבינדן די שטריק פון יאָך,
ארויסלאָזן פריי די געדריקטע,
און זייער יעדן יאָך צורייסן.

ברעך אָפּ פארן הונגעריקן דיין ברויט,
און דעם היימלאָזן ברענג אין דיין הויז;
אז דו זעסט א נאקעטן זאָלסטו אים באקליידן,
און פון דיין אייגן פלייש זאָלסטו זיך ניט פארהוילן.

דאמאָלט וועט שיינען ווי דער פרימאָרגן דיין ליכט,
און דיין היילונג וועט גיך ארויסשפּראָצן,
דיר פאראוים וועט גיין דיין גערעכטיגקייט,
און דער פראכט פון גאָט וועט דיך באגלייטן.

דאמאָלט וועסטו רופן און גאָט וועט ענטפערן,
וועסטו שרייען, און ער וועט זאָגן: דאָ בין איך!

אויב וועסט אויסשטרעקן צום הונגעריקן דיין זעל,
און די געדריקטע זעל וועסטו זעטיקן,
וועט אויפשטייגען אין חושך דיין ליכט,
און דיין פינסטערניש ווי מיטן טאָג".
(קאפּיטל 58, פּסוק 2—10).

און ניט בלויז איז גערעכטיגקייט און גוטס דער יסוד חקיום פון אידן, נאָר אויך פון אלע פעלקער אויף דער וועלט:

„און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן
אויף אקעראייזנס,
און זייערע שפּיזן — אויף צווייגמעסערס:
א פאָלק קעגן א פאָלק וועט ניט הויבן א שווערד,
און מען וועט ניט מער לערנען קיין מלחמה".
(קאפּיטל 2, פּסוק 4).

אזוינס קאָן אָבער ניט מקוים ווערן ווען מען לעבט אין הפקרות און אוממאראלישקייט, אין לוקסוס און פארשווענדערישקייט,

„ווייל די טעכטער פון ציון זיינען האָפערדיק,
און גייען פאררייסן דעם האלז,
און ווינקנדיק מיט די אויגן ;

דארום וועט גאָט קרעציג מאכן
דעם קאָפּ פון די טעכטער פון ציון,
און וועט זייער שאנד אנטפּלעקן.
אנשטאט בשמים וועט זיין צופוילטקייט,
און אנשטאט א גארטל — א שטריק,
און אנשטאט קרויזן — א פליך,
און אנשטאט א ברוסט־טוך — „א זאק",
א בראנד אנשטאט שיינקייט".
(קאפּיטל 3, פּסוק 16—24).

פונקט ווי עמוס ווען ער איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין בית אל, האָט ישעיהו אָנגעווענדט גרויסן טאקט און פּאָעטישע קינסט־לערישקייט בעת'ן איבערגעבן זיין אומאנגענעמע שליחות. ס'נויטיגט זיך ניט אין א סך אימאגינאציע צו זען פאר זיך די סיטואציע און סביבה: ס'איז געווען א יום טוב און ס'גאנצע פאָלק האָט זיך פארזאמעלט אין ירושלים אויסצודריקן דאנקבארקייט צו גאָט און אגב אויך הערן די שיינע אגדות און מעשה'לעך פון די כהנים און זקנים און די לידער און געזאנגען פון די פּאָעטן און לויים.

פאר אן אָדיטאָריע, וועמענס רוב איז באשטאנען פון ווייגגערט־נער און וויין קלויבער, האָט ישעיהו ניט געקענט געפינען קיין מער אטראק־טיווע טעמע ווי „דער געזאנג פון וויינגארטן". די מעטרישע מאָס וואָס ער האָט גענוצט, איז געווען דער קלאנג פון פינף משקלים און ריטמען, א מאָס וואָס איז באנוצט געוואָרן אין לידער פון טיפן צער אָדער געהויי־בענער פרייד. ישעיהו האָט אויך דארין אריינגעגעבן דעם דערציילערישן עלעמענט, און אזוי ארום געצוואונגן די האנדלונג זאָל ארויסקומען שטארק דראמאטיש און ווירקנדיק.

אינם ארייגפיר מאָלט דער נביא אין דעטאַל די שריט וואָס זיינען גענומען געוואָרן דורך זיינעם אן אומבאקאנטן פריינט צו קולטי־ווירן א פרוכטבארן וויינגארטן און געוואקסן זיינען גאָר הוילע זויערע און ביטערע. דערנאָך פארוועגדט ער זיך צו זיינע צוהערער זיי זאָלן אים זאָגן וואָס צו טאָן מיטן וויינגארטן וועלכער איז אזוי פּאָרזיכטיק און געטריי באארבעט געוואָרן און לסוף ארויסגעגעבן זויערע ווינטרויבן. בעת די צוהערער דריקן אוים זייער צושטימונג צו דער גערעכטיגקייט פון זיין באשלוס דעם וויינגארטן צו פארניכטן, אינטערפרעטירט און פאר־טייטשט דער נביא דעם משל: גאָט איז דער פריינט און יהודה איז דער געצערטעלטער וויינגארטן. דערוואַרט האָט גאָט א פרוכטבארן גארטן און ארויסגעוואקסן זיינען הוילע זויערע פרוכט. די צוהערער זיינען אזוי ארום געבליבן פאר׳משפט דורך זייער אייגענעם פסק דין: דער דאָזיקער וויינגארטן, דאָס לאנד יהודה, מוז און זאָל פארניכטעט ווערן.

דער געזאנג פון וויינגארטן (*

איך וועל זינגען פאר מיין געליבטן
מיין הארציק געזאנג פון וויינגארטן:

ס׳האָט מיין ליבער געהאט א כרם
אין א פעטן ווינקעל פעלד,
געבויט, געפלאנצט אין שיינעם פורעם,
ארומגעצוימט און אויסגעשטיינערט,
איינגעגראָבן א דינעם צווייגל —
פארבויט, פארשטעלט מיט א שיינעם טורעם.

האָט מיין ליבער אין פעטן כרם
זיך א וויין־פרעס אויסגעהאקט,
און פארמויערט מיט הויכע ווענט;
ריכט ער זיך אויף טרויבן גוטע,
טרויבן זאנפטיק, טרויבן פעטע,
און זיי ווערן פון זון פארברענט.

(* די איבערדיכטונג און דער ריטם איז מיין אייגענער — י. א.

אצינד ירושלים׳ס תושבים,
מענער פון יהודה, משפט
צווישן מיר און מיין כרם.

קאָן מען נאָך טאָן עפּעס אזוינס,
ס׳זאָל גוט זיין און גערעכט ?
פארוואָס ריכט איך זיך אויף גוטע,
און זיי וואקסן לויטער שלעכט ?

וועל איך זאָגן אייך, תושבים,
וואָס איך טו מיט מיין כרם :

איך צונעם ארום דעם טויער,
וועט ער אָפּגעפרעסן ווערן :
איך צוברעך ארום דעם מויער,
וועט ער אויסגעראָטן ווערן.

און איך מאך אים פּוסט און וויסט,
ניט צעאקערט און ניט באשניטן —
די ערד פארלאָזן און רוי,
מיט דערנער שטעכיקע באוואקסן,
און די וואָלקנס וועל איך הייסן
ניט באגיסן אים מיט טוי.

איז דער כרם פון גאָט צבאות —
ישראל זיין אויסדערווײלטער ;
און די מענער פון יהודה —
זיין פלאנץ דער אויסגעשײלטער.

און געהאָפט האָט ער אויף משפּט,
אויף צדק און דין געגארט ;
האָט ער חוזק גאָר געפונען,
און רשעות גאָר דערווארט.

הויז און הויז רוקט איר צונויף,
פעלד און פעלד שפּאַרט איר אָן,
ביז קיין אָרט ניטאָ אינמיטן;
און איר בלייבט רואיק נאָך זיצן
אין דעם לאַנד דעם גאַנצן, ווי אייך,
און פאַרגעסט אים גאָר צו היטן.

האָט געשוואָרן גאָט צבאות:

אַלע הייזער בלייבן פּוסטע,
גרויסע, גוטע, — אָן באַוואוינער
ווי אין א מגיפה;
און א צעניאָריקער כרם,
און א פעלד וואָס נעמט א חומר,
געבן וועט איין פאַס, איין איפה.

אוי לכם, ווי צו אייך!
איר שטייט אויף פרי באַגינען,
און יאָגט זיך אום נאָך געשאַנק,
און אין שפּעטע אָוונט־שעה׳ן —
פאַרברענט פון וויין־געטראַנק.

פידלען, האַרפן, פויקן, פלייטן
ווי אויף פרייַלעכע מערק —
ניט געשפּירט יהוה׳ס שאַפונג,
ניט געזען יהוה׳ס ווערק.

אָט אזוי פאַרגייט מיין פאָלק,
ניט געזען און ניט געשפּירט;
זיינע פירער — פאַרטריקנט,
זיינע מאַסן — פאַרפירט.

דער גהינום פארשפרייט זיין תאוה,
אָן א גרענעץ דעם שלונג צעעפנט,
און אין בלוט דעם גוף פארטונקען;
און ירושלים'ס גלאנץ,
דער שטאָלצער איד, דער פירער,
אין אָפּגרונט ליגט פארזונקען.

נידריק איז דער איד געבויגן,
טיף דערשלאָגן איז דער מענש,
גאָט'ס וואָרט ליגט געשענדט;
גערעכט איז יהוה'ס משפט,
געהייליקט איז אל צבאות —
זיין חסד אויף אונז איז געווענדט.

אויך עמוס און הושע האָבן גערעכטפערטיקט גאָט'ס משפט אומ־צוברענגען דעם אידן אין זיין לאנד. ביי זיי איז אָבער נאָך פארבליבן א שמיץ פון האָפענונג אויף תשובה. ישעיהו אָבער וויל ניט קיין תשובה. פארקערט, ער איז גאָר באפוילן „הארט צו מאכן דעם אידנ'ס הארץ, שווער צו מאכן זיינע אויערן און טונקל צו מאכן זיינע אויגן", דער איד זאָל ניט זען, זאָל ניט הערן און זאָל ניט פארשטיין, נאָר בלינדערהייט גיין אין זיין פארדאָרבענעם וועג ביז צום פארלאָרן ווערן.

אויף ישעיהו'ס פראגע: „ביז ווענען, גאָט?" — קריגט ער א קלאָרע תשובה:

„ביז שטעדט וועלן זיין וויסט
אָן א באוואוינער,
און הייזער אָן א מענשן,
און די ערד וועט פארוויסט ווערן
אין א הוילער וויסטעניש".

(קאפיטל 6, פסוק 11).

דאָ, אין דעם ערשטען פעריאָד פון זיין גבורה, איז ישעיהו עקס־טרעם און קוקט אויף אלץ און אלעמען מיטן בליק פון זינד און שטראָף.

יעדן האלט ער גליך פאראנטוואָרטלעך, דעם יחיד ווי דעם כלל, און צו אַלעמען איז ער דער שטרענגער ריכטער. זינד ברענגט מיט זיך די שטראָף, און די שטראָף איז דער איינציקער אויסגאַנג פון זינד.

אין דער צווייטער תקופה פון זיין שאפונג, דאמאָלט ווען ישראל און ארם האָבן זיך פאראייניקט אין א מלחמה קעגן יהודה, האָט זיך אינם נביא אָנגעהויבן דערוועקן די פראגע וועגן דער באציאונג פון איין טייל פאָלק צום אנדערן: אויב יהודה דארף פארניכטעט ווערן, טאָ וואָס איז דער גורל פון ישראל? און אויב ביידע אידישע מלוכות דארפן חרוב ווערן, טאָ וואָס וועט ווערן מיט דער פארבינדונג פון גאָט און זיין פאָלק? און די מלחמה? מיט וועמען פון די צוויי אידישע טיילן איז די גערעכטיגקייט? וואָס פאר א שטעלונג דארף איצטער יהודה נעמען?

ביידע אידישע מלוכות זיינען ביים נביא געווען גאָט'ס פאָלק. דאָך האָט ער יהודה'ן אָנגערופן מיט שענערע נעמען. אין יהודה איז די הויפט־שטאָדט געווען ירושלים, דער אָרט פון בית המקדש, די שטאָדט וואָס גאָט אַליין האָט געהייליקט. אין יהודה איז אויך ניט געווען קיין עבודה זרה'ס, דער פאגאניסטישער געצנדינסט פון מלכות ישראל איז יהודה'ן געווען פרעמד, און אין בית המקדש האָט מען נאָך אַלץ מער אָדער ווייניקער אָפּגעהיט דעם ריינעם אידישן ריטואל. מיט דעם אַלעמען איז יהודה אין זיינע אויגן געווען איצטער דער זעלבער קליינער יחסן ווי ישראל. אין דער אויסטיילונג פון גערעכטיגקייט איז ניט פאראן קיין נשיאת פנים, ניטאָ קיין פּאַרצוג און פעדזענליכע נויגונג. אַלע זיינען גלייך פארן דין, און ביידע, יהודה און ישראל, פארדינען זייער הארבע שטראָף.

די מלחמה פון ישראל קעגן יהודה גייט דעם נביא ניט אָן. די סכנה ליגט ניט אינם ברודער־קאמף, ניט אין דער גאָרגל־רייסעניש פון איין איד קעגן אנדערן, נאָר אין ביידנ'ס שונא, די מעכטיקע אשור, וואָס איז באלד גרייט אָנצופאלן און פון וועמענס הענט מען וועט ניט אנטרינען.

דער נביא האָט איצטער פאר זיך א פיל הארבערע פראגע: וואָס וועט זיין מיטן אידישן פאָלק? וואָס וועט זיין דעם אידנ'ס סוף? וואָס וועט ווערן פונם בונד צווישן גאָט און זיין אויסדערוויילט פאָלק?

די צוויי פריערדיקע נביאים עמוס און הושע האָבן פאר זיך די דאָזיקע הארבע פראגע ניט געהאט. זיי האָבן ביידע נביאות געזאָגט אין דער צפון'דיקער מלוכה, אינם קעניגרייך פון ישראל, און האבען בלויז פאר־אויסגעזאָגט דעם חורבן פון זייער מלוכה און פאָלק. דעם אָנקומענדיגן

חורבן אין יהודה האבן זיי ניט געזען, האָבן זיי דאריבער געגלויבט, אז יהודה וועט עס זיין דער שארית ישראל, דער איבערבלייב פון וועמען עס וועט ארויסוואקסן דער געטלעכער אידעאלער אידענטום. דאָס וואס די צוויי נביאים דערמאנען יא אמאל יהודה, איז עס בלויז פארבייגייענדיק, אָן צו זען פאר זיך אַ דאַרטיקן פּראבלעם אין זיין גאנצער הארבקייט און טיפ־קייט, און צוליב דער דאָזיקער פראגע האט זיך ביי אים אנטוויקלט דער גע־דאנק פון א אידישן איבערבלייב, דער איד וועט מער ניט ליידן א פול־שטענדיקן חורבן, ניט דאס פאלק און ניט דאס לאנד וועט פולשטענדיק פאר־ניכטעט ווערן. דער חורבן וועט בלויז זיין א שטראָף פאר די זינד און א מיטל די אידן צוריקצוברענגען צו זייערע הויכע אידייען און מאראלישן לעבן ביז עס וועט דורך זיי אויפקומען דער אחרית הימים, די ליכטיקע צו־קונפט פון גלייכהייט און גערעכטיגקייט, פון שיינקייט און דערהאבנקייט.

דער געדאנק פון א אידישן איבערבלייב, איז ניט לגמרי קיין נייער. טיילווייז האָט ער תמיד געלעבט אין פאָלק, און אליהו דער נביא האָט נאָך פריהער דערציילט אז גאָט האָט באשלאָסן איבערצולאָזן א טייל אידן וואס האָבן זיך ניט געבוקט צום בעל (מלכים א׳ י״ט ט־כ׳). ישעיהו האָט אָבער דעם דאָזיגן געדאנק ברייטער אנטוויקלט און אים צונויפגעבונדן מיט זיין אנשויאונג איבערן לעבן.

פון דער רגע אן וואס ער האט אויפגעפאסט דעם דאָזיקן רעיון, האָט ער ראדיקאל געענדערט זיין טאַקטיק. ער האט זיך מער ניט באנוגנט מיט הויכע רייד, נאר האט דעם רעיון געזוכט צו פארשטארקן אין פאלק כדי דא־דורך אויפצוהאָדעווען און דערציען דעם דאָזיקן איבערבלייב. זיין ניי־גע־בוירענעם זון גיט ער א נאָמען „שאר ישוב״, דער איבערבלייבער וואס וועט זיך צוריקקערן, און אים נעמט ער מיט זיך ווען ער גייט צום קעניג אחז אים זאָגן דעם אויסגאנג פון דער מלחמה קעגן אים. דער נאמען פון זיין זון דארף עס דינען דעם מלך ווי א סימבאָל, אז דער אידישער איבערבלייב מוז זיך צוריקקערן צו גאָט.

„גאָט האָט געזאגט צו ישעיהו׳ן:
גיי ארוים אנטקעגן אחז׳ן,
דו און דיין זון שאר ישוב,
ביים ברעג גראָבן פון אויבערשטען טייך,

אויפֿן וועג פֿון וועשער־פֿעלד,
און זאָלסט זאגן צו אים:

זיי געזעצט און רואיק,
זאָלסט ניט מורא האָבן,
און דיין הארץ זאל ניט שלאַף ווערן
פֿאר די צוויי רויכערדיקע פֿייערהעלצער".
(קאפיטעל 7 פסוק 2—4).

ניט מצד ישראל און ארם זעט דער נביא די סכנה אויף יהודה. זיי זיינען בלויז „רויכערדיקע עקן פֿון פֿייערהעלצער", אָן פֿייער און אָן ליכט. די סכנה איז א פֿיל טיפֿערע — אשור דער דרויסנדיקער פֿיינט וועמען אחז וויל איינלאַדן אים צו העלפֿן קעגן ישראל איז די גרויסע געפֿאהר. ישעיהו שטעלט זיך שטאַרק דאגעגן די דאָזיקע איינלאַדונג, און הייסט זיך פֿאַר־לאָזן אויף גאָט. דער בטחון און גלויבן אין גאָט און אין זיין בונד מיט דעם אידישן פֿאָלק, איז איצטער ביי אים דער הויפּט עיקר. עמוס בויט זיין וועלט אויף דער פֿאַרשונג פֿון גאָט, הושע—אויף דער דערקענטעניש פֿון גאָט און ישעיהו — אויף דער אמונה און בטחון.

ישעיהו זאגט צו אחז'ן:

„בעט דיר א צייכן פֿון יהוה דיין גאָט;
בעט פֿון דער טיפֿעניש, אדער פֿון דער הויך".
(קאפיטעל 7 פסוק 11).

וואס איז געווען די כוונה פֿון דער פֿראגע, איז שווער צו זאגן. מעגלעך אז ער האט געוואלט דערוועקן דעם אומבאַגרענעצטן גלויבן פֿונם מלך. אחז האָט אבער מורא אויסצופּרובירן גאָט און דער נביא בייזערט זיך אויף אים: „איז אייך ווינציק מיד צו מאכן מענשן, אז איר ווילט אויך מיין גאָט מיד מאכן? דערפֿאַר וועט גאָט אליין אייך געבן א צייכן: אָט ווערט די יונגפֿרוי טראָגנדיק און געבירט א זון און וועט רופֿן זיין נאָמען עמנואל".

ישעיהו גיט אים אליין דעם צייכן פֿון דער צוקונפֿט: א פֿרוי וועט געבוירן א זון און אים רופֿן עמנואל — גאָט איז מיט מיר. ס'איז ניט וויכ־

טיק, ווער די פרוי איז, דעם קעניג׳ס ווייב, דעם נביא׳ס ווייב אדער סתם א פרוי. דער עיקר איז דאָ דער געדאנק זיינער: די סכנה וועט פאראיבער, און א נייער גייסט וועט הערשן אין לאנד, דער גייסט פון גלויבן און האָפן, דער גייסט אז „גאָט איז מיט מיר".

פריער וועט גאָט שיקן זיין שטראָף אויף אחז׳ן, אויף זיין פאָלק, ערשט דערנאך וועט זיך אלץ ענדערן און עס וועט זיין,

„אז א מאן וועט אויסהאָדעווען א יונגע קו,
איז פונם פילן מילך וואָס זיי וועלן געבן
וועט ער עסן שמאנט;
שמאנט און האָניג וועט עסן
איטלעכער וואָס וועט בלייבן אין לאנד".
(קאפיטעל 7 פסוק 21—22).

דער געדאנק וועגן אן איבערבלייב איז איצטער ביים נביא געווארן דער צענטער פון זיין לעבן. און טאקע צוליב דעם האט ער ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם שונא אשור, וואס וועט גאר גיך שטיין ביי די טויערן פון ירושלים. זיין צווייטן זון רופט דער נביא אויך מיט א סימבאָלישן נאָמען: „מהר שלל חש בז — דער זאקרויב איילט, דער רויב קומט גיך", ווארום איידער דער אינגל וועט וויסן צו רופן טאטע און מאמע וועט מען אוועקטראָגן דעם פארמעג פון ארם און ישראל קיין אשור.

אין יהודה איז אויך געווען א פארטיי וואס האט געראטען זיך פארבינדן מיט מצרים. ליארעמט דער נביא אויך קעגן זיי, און זעט אין דער פאראייניגונג אן אפווייכונג פון דעם אידישן לעבן, פון „די וואסערן וואָס גייען פאמעלעך", און דער אריינברענגען אהין א פרעמדע קולטור און א פרעמד לעבן פון לוקסוס און שקלאפעריי.

„ליארעמט, אָבער איר וועט צובראָכן ווערן,
גורט אייך אָן, אָבער איר וועט צובראָכן ווערן.

עצה׳ט אייך אן עצה, און זי וועט פארשטערט ווערען,
רעדט אָפּ א זאך, און זי וועט פארשטערט ווערן.

איר זאָלט ניט זאָגן בונט אויף אַלץ
וואָס דאָס דאָזיקע פאָלק זאָגט,
און איר זאָלט פאַר אים ניט מורא האָבן.

גאָט פון צבאות, אים זאָלט איר הייליקען,
און ער זאָל זיין אייער מורא און פורכט".
(קאפיטל 9 פסוק 10—11).

ישעיהו איז אויך קעגן יעדער מלחמה אָדער פארבינדונג מיט אַן אנדער פאלק, ווייל ער ווייסט און פילט אז א פאָלק וואס זינקט אין גע־צנדינסט, פירט אַן אונמאראליש לעבן, האָט ניט קיין אייניגקייט און זוכט בלויז שלעכטס צו טאָן דעם ארימאַן און געדריקטן, איז ניט בכח בייצו־שטיין א פיינטלעכע מעכטיקע ארמיי. גאָט איז ניט מיט אזא פאָלק, ווייל ער איז בלויז מיטן גערעכטן און אידעאלן.

„איטליכער איז זינדיק און טוט שלעכטס,
און איטלעך מויל רעדט שענדליכקייט.
גאָטס כעס איז נאָך ניט אָפּגעגאנגען,
און זיין האנט איז נאָך ניט אויסגעשטרעקט.

די שלעכטיגקייט ברענט ווי א פייער,
פארצערט דערנער און ווילדן געוויקס,
און צינדט די צווייגן פון וואלד
ביז זיי קנוילן אין זיילן רויך.

דורך דעם צאָרן פון גאָט צבאות
איז צופלאקערט דאָס לאַנד
און דאָס פאָלק איז שפייז פארן פייער —
זיי דערבארעמען זיך ניט אויף א ברודער".
(קאפיטעל 9 פסוק 16—20).

אין אידישן לאַנד זיינען אויך געווען אזעלכע וואס האבן געקוקט מיט שפּאָט אויף די סקעפּטיקער, און זיי, די אָפּטימיסטן, האָבן צודרייט די

פאקטן, ארויפגעצוואונגען אויף די רייכע זייער אנשויאונג און געקרוינט יעדע פארברעכערישקייט פאר א טוגנד און גוטע מידה. קעגן זיי האָט דער נביא געשטורעמט מיט פארביטערטקייט:

„ווײ, די וואס קריצן געזעצן פון אומגליק,
און שרייבער וואס האָבן אומרעכט געשריבן
כדי אפצונויגן פון משפט די באדערפטיקע,
כדי אלמנות זאָלען זיין זייער רויב.

און וואָס וועט איר טאן אין טאג פון רעכענונג,
און אין דער פארוויסטונג וואס קומט פון וויט?
צו וועמען וועט איר לויפן נאָך הילף?
און וואו וועט איר לאָזן אייער רייכטום?

ניט אנדערש ווי קניען אונטער געפאנגענע,
און אונטער הרוגים צו פאלן.

ווײ, אשור, די רוט פון מיין צאָרן,
אין וועמעס האנט מיין כעס איז א שטעקן!
אויף א זינדיק פאָלק טו איך אים שיקן,
און אויף דער אומה פון מיין כעס
טו איך אים באפוילן
צו רויבן זאקרויב, צו ראבעווען רויב,
און איבער איר צו טרעטן ווי אויף קויט אין גאס.

קאָן די האק זיך רימען קעגן דעם
וואָס האקט איר?
קאָן די זעג זיך גרויסן קעגן דעם
וואָס זעגט איר?

(קאפיטעל 10 פסוק 1—16).

און כדי כאטש א קליינער הייפעלע אידן זאלן זיך צוריקקערן צו די געטלעכע אידייען, ברענגט ער עפענטליך ארויס זיין געדאנק וועגן דעם איבערבלייב:

„ווען עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט דער איבערבלייב פון ישראל,
און די אנטרונענע פון בית יעקב
זיך מער ניט אנלעגען אויף די שלעגער,
נאָר זיך אָנלענען מיט אן אמת
אויף יהוה דעם הייליקן פון ישראל.

אן איבערבלייב וועט זיך אומקערן,
אן איבערבלייב פון יעקב צום מעכטיקן גאָט.

אויב ישראל זאָל אפילו זיין ווי זאמד פון ים,
וועט בלויז אן איבערבלייב זיך אומקערן;
א פארלענדונג איז נגזר געווארען,
און זי פלייצט מיט גערעכטיגקייט".
(קאפיטעל 10 פסוק 20—24).

און דער דאָזיקער איבערבלייב, דער אידעאלער מיעוט און קליי־נע מינאריטעט וואס וועט זיך האלטן טריי אן דער פארנינפטיקער אידיש־קייט, דארף אפילו ניט מורא האָבן פאר אשור, די רוט פון גאָט'ס צאָרן:

„אזוי האָט געזאגט דער האר, גאָט פון צבאות;
זאָלסט ניט מורא האָבן, באוואוינער פון ציון,
פאר אשור וואָס שלאָגט דיך מיט דער רוט,
און הויבט זיין שטעקן אויף דיר ווי מצרים.

נאָך א ווייל און דער כעס וועט זיך ענדיקען,
און מיין צאָרן וועט זיי פארטיליקן.
און גאָט פון צבאות וועט הויבן אויף אים א רוט,
אזוי ווי אין דעם שלאק פון מדין
און ווי זיין שטעקן איבערן ים.

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט אָפּגעטאָן ווערן זיין לאַסט פון דיר,
און זיין יאָך פון דיין האַלז.
(קאפיטעל 10 פסוק 24—27).

אנדערש וועט אבער זיין דער גורל פונם גרעסטן טייל אידן. זיי וועט אשור פארניכטן און אוועקפירן געבונדענע אין געפאנגשאפט. זיי האָבן דערוועקט דעם צאָרן פון גאט דורך זייער אומצוטרוי און אומ־גלויבן. אפילו אחז, דער קעניג פון יהודה, וועלכער האט תמיד אויסגע־פאָלגט די עצה פונם נביא, איז איצטער באהערשט געווארן פון גרויס מורא פאר די ישראל׳שע און ארמ׳ישע ארמייען און געצווייפעלט אין דעם נביא׳ס רייד. אחז האט איינגעלאדן אשור אים צו העלפן, און דאמיט שטארקער פארזיגלט דעם טרויריקן שיקזאל פון יהודה.

דער אשורישער אימפעריאליזם האָט שוין באמת געהאלטן ביים צוזאמענפאלן. פון וויטנס האָט זיך שוין אנגעזען דער אויפשטייג פון בבל און פרס, וועלכע האָבן שוין געשליפן אנטקעגן אשור זייער שארפע שווערד. אשור האָט עס אָבער נאָך ניט באגריפן און אָנגעגאנגען וויטער מיט דער רויבעריי און פארניכטונג. די קליינע דעמאָראַליזירנדיקע מלוכות אין ארץ ישראל און ארום האבען באדארפט דינען פאר א כלי זיין און פרואוושטיין אין דער האנט פון גאט, און אשור דערפילט דעם טעראריסטישן אקט — די נקמה פאר דער סאציאלער אומגערעכטיגקייט.

אשור האט פאר זיך א באשטימטען ציל: אויפצוזאמלען גאר די מאכט אין די אייגענע הענט און ווערן א וועלט־מאכט. דער נביא אבער האָט א בעסערן חוש, און זעט אַ סך ווייטער. דער אימפעריאליזם מיט זיין אכזריות איז טאקע נויטיק אין דער געשיכטע פון וועלט־באפרייאונג און אויסלייטערונג, סאציאלאָגיש קאן ער אבער אים ניט בארעכטיקן, און זעט דאריבער אויך פאר דעם אימפעריאליסטישן אונטערגאנג. דער פראָ־צעס איז א שטענדיקער, און חזרט זיך איבער איינער נאָכן אנדערן. פריער וועט קומען אשור און חרוב מאכן דעם מלכות ישראל, פארטרייבן די צען שבטים און זיי אפמעקן פון דער געשיכטע. דערנאך וועט אויפשטיין א נייע אימפעריאליסטישע מאכט אין דעם וויטן בבל און פארוויסטן אשור און יהודה, און לסוף וועט אויך קומען די פארניכטונג פון בבל:

„האָרך, א טומל אויף די בערג,
האָרך, א גערויש פון מלוכות,
פון אומות פארזאמעלטע—
אן ארמיי פון מלחמה.

זי קומט פון א לאנד א ווייטן
פון עק פונם הימל —
גאָט און די געצייג פאר זיין צאָרן
די גאנצע ערד צוצושטערן.

יאָמערט, נאָענט איז דער טאָג פון גאָט,
ווי א בראָך פון אלמעכטיקן וועט ער קומען.

אלע הענט וועלען שלאף ווערן,
און יעדעס הארץ וועט צוגיין.

אלע וועלן זיי דערשראָקן זיין;
יסורים און ווייען וועלן זיי האָבן,
ווי א געווינערן וועלן זיי זיך דרייען ;
איינער אויפ׳ן אנדערן וועלן זיי קוקן,
זייערע פנימער — פנימער פון פלאמען.

זע, דער טאָג פון משפט קומט.
אומברחמנות׳דיק מיט גרימצאָרן,
צו מאכען די ערד פאר א וויסטעניש,
און פארטיליקן די זינדיקע פון איר.

די שטערן פון הימל און זיינע מזלות
וועלן ניט שיינען זייער ליכט ;
די זון וועט זיין פינסטער אין אויפגאנג,
און די לבנה וועט ניט שימערן ביינאכט.

איך וועל זיך רעכענען מיט דער וועלט פארן בייז,
און מיט די רשעים פאר זייער זינד:
איך וועל צושטערן דעם שטאָלץ פון די רייכע
און די גרויסקייט פון די מעכטיקע.

די הימלען וועל איך מאכן ציטערן,
און די ערד אויפשטורמען פון אָרט.

און עס וועט זיין:
אזוי ווי א הירש א געיאגטער,
ווי שאָף אָן א פאסטוך.

איטלעכער וואס ווערט געפונען,
וועט דערשטאָכן ווערן,
און איטלעכער וואס ווערט געכאפט,
וועט פאלן דורכן שווערד.

קליינע קינדער וועלן צוהאקט ווערן
פאר זייערע אייגענע אויגן;
זייערע הייזער וועלן צערויבט ווערן,
און זייערע ווייבער — געשענדט...
און בבל, דער שיינדל פון מלוכות,
דער שטאָלצער פראכט פון כשדיים,
וועט זיין ווי גאָט'ס איבערקערעניש
פון סדום און עמורה.

זי וועט אייביק ניט באזעצט ווערן,
און ניט באוואוינט זיין אויף דורות;
קיין וואנדערער וועט ניט אויפשטעלן א געצעלט,
א פאסטוך וועט דאָרטען ניט פיטערן.

ווילדע קעץ וועלן דאָרטן הויערן,
זייערע הייזער וועלן פול זיין מיט קלאָג־חיות:

שטרויס־פויגלען וועלן דאָרטן רוען,
און שדים וועלן אומטאנצען.

שאקאלן וועלן וואָיען אין די פאלאצן,
און מדבר־הינט אין די פאלייען פון תענוג;
נאָענט איז איר צייט צו קומען —
אירע טעג וועלן זיך ניט פארציען".
(קאפיטעל 13 פסוק 4—22).

און ניט נאָר דערזעט דער נביא דעם אונטערגאנג פון די גרויסע, מעכטיקע אימפעריאליסטישע פעלקער, נאר אויך פון די קלענערע: די פלישתים, מואב, דמשק, כוש, קדר, צור און מצרים. וועגן יעדן איינעם זאָגט ער זיין נבואה:

„איבערנאכט איז פארוויסט געוואָרן מואב, פארשניטן געווארן. אויף זיינע קעפ איז א פליך. אין זיינע גאסן גורט מען אָן א זאק און אויף די דעכער און מערק טוט איטליכער קלאָגן"

זע, דמשק ווערט אויס שטאָדט, און וועט ווערן א חורבה, פארלאָזן וועלן זיין די שטעדט, און אפגעטאן וועט ווערן א מלוכה פון דמשק און דער איבערבלייב פון ארם" (קאפיטעל 17 פסוק 1—4).

„ווי דער ברומען פון פילע פעלקער, וואָס ברומען ווי דער ים און די רוישונג פון פעלקער, וואס רוישן ווי מעכטיקע וואסערן. זיי וועלן אנט־לויפן אין דער ווייט, און געיאגט ווערן ווי דער שפריי פאר'ן ווינט. דאס דאָזיקע איז דער חלק פון אונזערע רויבער, און דער גורל פון אונזערע אויסרויבער" (קאפיטעל 17 פסוק 12—14).

ישעיהו זוכט אַלץ צו ווירקן אויפן מלך פון יהודה ניט מורא צו האָבן פאר די ישראל'ישע און ארם'ישע ארמייען, וואס שטייען ביי די טויערן פון זיין לאנד. דער נביא זעט בחוש ווי דער דאָזיקער אקט פון ישראל, איז דער אנהויב פון זיין חורבן צוזאמען מיט ארם'ס:

„און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועט פאראָרעמט ווערן זיין פראכט,
און זיין פעטקייט וועט אפגעצערט ווערן;

אוּן ס'וועט זיין ווי א שניטער זאמלט תבואה,
און שניידט מיט זיין אייגענעם ארעם די זאנגען.

אין יענעם טאָג וועלן זיינע פעסטע שטעדט זיין
ווי פארלאָזענע וועלדער און בארג־שפּיצן.

ווארום האָסט פארגעסן דעם גאָט פון דיין הילף,
און דעם פעלז פון דיין שטארקייט האָסטו ניט דערמאָנט;
האָסט ליבליכע פלאנצן געפלאנצט,
אבער א פרעמדן צווייג ארייגעזעצט."
(קאפיטעל 17 פסוק 1—11).

אשור איז געקומען יהודהן צו הילף, און פארניכטעט ארם. אויך ישראל איז ניט געשאָנעוועט געווארען, און גלער צוזאמען מיט א גרויסן טייל פון גליל זיינען אוועקגענומען געווארען. צענדליקער טויזענטער אידן זיינען אוועקגעפירט געווארען אין געפאנגשאפט, און דער ישראל־ישער מלך האָט געמוזט צאָהלען שווערע צינזן.

אחז האָט דערגרייכט זיין ציל; יהודה איז געבליבען אומבארירט, אָבער זי האָט געמוזט צאָלן א צו־טייערן פּרייז. זי האָט פארלאָרן איר אומאפּהענגיגקייט, געמוזט אוועקגעבן גאר איר פארמעגן און איינפירן דעם אשורישן געצענדינסט, וואס האט דערפירט צו א געוואלדיקער דע־גענעראציע.

עטליכע יאר שפּעטער זיינען די קלענערע פעלקער בשותפות מיט'ן מלכות ישראל ווידער ארויסגעטראטן קעגן אשור, און דער חורבן איז פּאַק־טיש פארענדיגט געווארן.

פארן נביא איז דער גורל פון ישראל א לעבעדיקערביישפּיל וואס אזוינס עס קאן טרעפן מיט יהודה, און ער קאָנצענטרירט איצט די גאנצע קראפט פון זיין געזעלשאפטליכער ווירקונג אויף ירושלים. ער פירט דאָ אן א ברייטע פאליטיש־דערציערישע פּראפּאגאנדע, זוכט אפּצוהאלטן דעם לאנד פון פאליטישער פארבינדונג מיט אנדערע, ניט מיט מצרים און ניט מיט אשור.

אחז איז געשטאָרבען איבערלאזענדיג יהודה אונטערן קנעכל פון אשור. די צאלונג פון אומגעהייערע צינזען, האט זיך גיך ארויסגעוויזן צו

זיין א אומדערטערגלעכע לאסט. די שכנית'דיקע פעלקער זיינען אויך ניט געווען אין קיין בעסערער לאגע, און האָבען טאקע ביי יעדער געלעגענהייט געזוכט זיך צו באפרייען.

אודאי האבן זיי געמוזט דערצו האבן די הילף פון יהודה, און אין לאנד האָבן זיך ווידער אנגעהויבן צו שאפן אלערליי פאליטישע פארטייען, יעדע איינע ציענדיק אין אן אנדער דירעקציע.

דער נייער מלך פון יהודה, יחזקיהו, איז דוקא געווען אן אידע־אלער און גאָטספארכטיקער. ער האט אויסגעריייניקט דאס לאנד פון נאר דער געצענדינסט, אפגעהיט די עבודה אין בית המקדש, און בכלל זיך צוגע־הערט צו די רייד פונם נביא.

לכתחילה האט חזקיהו געצאלט רעגלמעסיק די צינזן, און יהודה האָט אָנגעהויבן קומען ביסלעכווייז צו זיך. די קעגנערישע פארטיי, די וואס האָט געזוכט זיך צו פאראייניקן מיט מצרים, האט אבער גאר גיך גע־קראָגן די אויבערהאנט איבערן קעניג און יחזקיהו האט אויפגעהערט צאלן צינזן. דאמלט, קאָנטיק, האָט ישעיהו געזאגט זיין נבואה אויף מצרים:

„זע, גאָט רייט אויף א וואלקן א פלינקן\
און ער קומט קיין מצרים;\
און די אפגעטער טרייסלן זיך פאר אים,\
און דאָס הארץ פון מצרים צעגייט אין אים.

און איך וועל אָנרייצן מצרים אויף מצרים,\
און וועלן מלחמה האלטן ברודער קעגן ברודער,\
און איטלעכער קעגן זיין חבר,\
א שטאָדט קעגן א שטאָדט\
א מלוכה קעגן א מלוכה.

און אויסגעליידיקט וועט ווערן מצרים'ס גייסט,\
און איר עצה וועל איך צונישט מאכען;\
זיי וועלן פאָרשן ביי די אפגעטער, ביי די פלאפלער,\
ביי די גייסטער און ביי די רוחות.

און איך וועל איבערגעבן מצרים
אין דער האנד פון א שלעכטען האר
און א שטרענגער מלך וועט הערשן איבער זיי.

און די וואסערן וועלן אויסגיין פון ים,
און דער טייך וועט אויסגעטריקענט ווערן.

דומפיק וועלן ווערן די טייכן,
אויסגעטריקנט די פלוסן פון מצרים.

הויל ווערט ביים נילוס,
ביים ראנד פון נילוס,
און גאר די זריעה ארום
ווערט פארטריקנט, פארוויאנעט.

און קלאגן וועלן די פישער,
און די וואס ווארפן א ווענטקע,
און די וואס שפרייטן א נעץ.

און פארשעמט וועלן ווערן
די וואָס קעמען דעם פלאקס,
און די וועבער פון ווייסן געצייג.

אירע ווערקשטאטן וועלן זיין צוקלאפט,
און די ארבייטער באטריבט אין געמיט.
(קאפיטעל 19 פסוק 1—10).

אין דעם דאָזיקן נייעם קריזיס, האָט ישעיהו געשטורעמט סיי מיט זיין שארפן ווארט און סיי מיט זיין דראמאטישער האנדלונג. דריי יאר נאָכאנאנד איז ישעיהו ארומגעגאנגען איבער די גאסן אין די קליידער פון א געפאנגענעם שקלאף צו באווייזען די אידן פון יהודה וואס זיי דער־ווארט אויב זיי וועלן אקטועל זיך באטייליגן אין דער רעוואלוציע קעגן אשור.

סרגון דער נייער מלך פון אשור איז געקומען צו די גרענעצן פון יהודה, און באפאלן אשדוד און איר איינגענומען. אין יענער צייט האט עס גאָט באפוילען ישעיהו׳ן :

„גיי, און בינדט אָפּ דעם זאק פון דיינע לענדן,
און צי אראָפּ דעם שוך פון דיינע פיס.

און גאָט האָט געזאגט :
אזוי ווי מיין קנעכט ישעיהו איז ארומגעגאנגען
נאקעט און באָרוועס דריי יאהר
פאר א צייכן אויף מצרים און כוש.

אזוי וועט דער מלך פון אשור אוועקפירן
די געפאנגענע פון מצרים און פארטריבענע פון כוש,
יונגע און אלטע, נאקעטע און באָרוועסע,
מיט אָפּגעדעקטן הינטערלייב צום שאנד פון מצרים.

און זיי וועלן זיין צובראָכן און פארשעמט
מיט זייער אויסקוק פאר כוש,
און מיט זייער בארימונג פאר מצרים".
(קאפיטעל 20 פסוק 1—5).

ישעיהו האט דעם דאזיקן מאָל געזיגט. דער בונד מיט מצרים איז בטל געווארן, און יהודה האָט אויסגעמיטן דעם גורל פון די שכנית׳דיקע פעלקער. לאנג האָט עס אבער ניט אנגעהאלטן, און בלויז זעקס יאר שפעטער האָט יחזקיהו ווידערגעשפעניקט דעם נביא, און געשלאָסן א בונד מיט מצרים צו רעוואלטירן. די מרידה קעגן דעם נביא איז ניט געווען קיין אָפענע. חזקיהו האָט דעם בונד געשלאָסן אונטערן דרוק פון זיינע עצה געבער, די רייכע מאגנאטן. ער האט זיך אבער געשעמט און אויך מורא געהאט פאר גאָט׳ס נביא, וועמען ער האט געאכט און געשעצט, און ער האָט עס דאריבער געטאָן בסודי סודות.

אויבנאויפיק האָט עס אויסגעזעהן ווי דער בונט וועט זיך איינגעבן און יהודה וועט ווערן באפרייט. אין אשור איז אויפגעשטאנען א

יונגער מלך, סנחריב, און ער האט געהאט גענוג ארבעט אונטערצודריקן סיי די אינווייניקסטע אומרועז און סיי די רעוואלוציעס אין בבל און אין מצרים.

סנחריב איז טאקע געקומען אין יהודה, איינגענומען אלע באַפעסטיקטע שטעדט און זיך אוועקגעשטעלט באלאגערן די הויפּטשטאָדט ירושלים. אין יענעם קריטישן מאָמענט איז אָבער מצרים געקומען צו הילף, און סנחריב איז געווען געצוואונגען זיך צו קערן צו דער מדבר. אין ירושלים איז געוואָרן א גרויסע שמחה, און אלע האָבן זיך געפרייט אין די גאסן. דער איינציקער וואָס האָט זיך ניט געפרייט, איז געווען דער נביא, און דאמאָלט איז ער ארויסגעקומען מיט זיין נבואה, וואָס ער רופט: „משא גיא חזיון — די נבואה אויף דעם טאָל פון זעאונג".

„וואָס איז דיר דען
וואָס ביסט אויף די דעכער ארויף,
דו פולע מיט טומל, דו רוישיקע שטאָדט ?

דיינע דערשלאָגענע זיינען ניט פון שווערד געפאלן,
און ניט אין מלחמה געטוידט געוואָרן ?

אלע דיינע פירער זיינען צוזאמען אנטלאָפן —
אָן א בויגן זיינען זיי געפאנגען געוואָרן ;
אלע דיינע געפונענע זיינען געפאנגען געוואָרן —
אלע וואָס זיינען אינדערווייט אנטלאָפן.

דארום זאָג איך :
קערט אייך אָפּ פון מיר,
נאָמיר ביטערלעך וויינען ;
איר זאָלט מיך ניט טרייסטן
אויפן בראָך פון מיין פאָלק.

א טאָג פון צוטומלטקייט און צוטרעטונג
איז ביים אל צבאות אין טאָל פון זעאונג ;
מען ברעכט מויערן — א געשריי ביזן בארג.

עילם טראָגט דעם פײַלנבויגן,
און קיר אנטבלויזט דעם שווערד.

דײַנע בעסטע טאָלן זײַנען פול מיט רײַטוועגן,
און די רײַטער זײַנען אויסגעשטעלט ביים טויער.

דער האר, דער אל צבאות,
האָט גערופן צו געוויין און קלאָג,
און צום אנגורטן א טרויער־זאק.

ערשט עס איז ששון ושמחה,
קוילן רינדער און שעכטן שאָף,
עסן פלייש און טרינקען ווײַן;
עסן און טרינקען,
ווארום מאָרגן וועלן מיר שטארבן".
(קאפיטל 22, פסוק 1—13).

סנחריב האָט באַזיגט מצרים און זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים. האָט אָבער אויסגעבראָכן א מגפה אין זײַן לאַגער, און ער האָט זיך ווידער געמוזט אומקערן אהיים. די רבנישע ליטעראטור האָט דארין געזען א נס מן השמים, און האָבן די פּאסירונג אײַנגעהילט אין א סך שיינע מעשה'לעך און לעגענדן. דער דאמאָלסטיקער דור האָט אָבער, קאָנטיק, די פּאסירונג אנדערש אויפגענומען. אשור איז נאָך פארבליבן געוואַלדיג שטארק, און די אידן האָבן געהאט פון איר גענוג אויסצושטיין ביז יחזקיהו האָט איר איבערגעבעטן מיט גאָר גרויסע מתנות. גאָר דעם פארמעגן פון קעניג־לעכן הויף און בית המקדש האָט מען געמוזט אוועקגעבן. מען האָט אפילו געמוזט ארונטערנעמען די טירן פון היכל, און אוועקגעבן יעדע פרוטה.

א סך יאָרן זײַנען אוועק, און יהודה איז געבליבן פארשקלאפט צו אשור ניט טראכטנדיק אפילו ווען עס איז זיך דערפון צו באפרייען. א ביטערע צײַט האָט זיך אָנגערוקט אויף יהודה, אָבער דער נביא האָט דארויף ניט געקלאָגט, פאר אים איז עס געווען א קלאָרע זאך וואָס ער האָט דערוואַרט און האָט געמוזט קומען. ער קלאָגט אפילו ניט אויפן פולשטענדיקן אונטערגאנג פון מלכות ישראל און די פארטריבענע צען

שבטים. ניט מיט דער פארגאנגענער צייט פארנעמט זיך זיין מח, נאָר מיט דעם עתיד, דעם שאירית הפליטה, דעם קליינעם איבערבלייב, וועמען ער זוכט צו ראטעווען ווי אן אָנהויב פאר א צוקונפטיקער אידעאלער גע־זעלשאפט.

דער געדאנק וועגן דעם איבערבלייב — אָט דאָס דאָזיקע איז איצטער די איינציקע טרייסט זיינע, און ער אנטוויקלט דעם געדאנק נאָך ווייטער און נאָך טיפער ביז ער באפעסטיקט אים אויף שטארקע און פעסטע יסודות. ניט קיין חסד טוט גאָט דאמיט וואָס ער לאָזט אן איבערבלייב, נאָר גערעכטיגקייט, משפט און צדק. צו דעם דאָזיקן אויספיר קומט דער נביא דורך זיין אויסברייטערונג און פארטיפונג דעם באגריף פון שטראָף. עס שאפט זיך ביי אים א דירעקטע ליניע און איינינקייט צווישן זינד און שטראָף, און די שטראָף איז עס וואָס איז מבריח.

ביי עמוס׳ן איז עס געווען דער באגריף פון נקמה, פון אומ־ברחמנות׳דיקער רעכענונג; ביי ישעיהו׳ן איז עס דורכאויס גערעכטיגקייט, וואָס זוכט דורך שטראָף צו לייטערן און רייניקן דעם זינדיקן ער זאָל זיין פייאיק זיך צוגרייטן צו א נייעם, שענערן און העכערן לעבן.

דעם דאָזיקן איבערבלייב, דעם נייעם אויסגעלייטערטן מענשן, האָפט ער צו געפונען סיי אין יהודה און סיי צווישן די גולי ישראל, די וואָס זיינען שוין לאנג פארטריבן אין גלות. ניט אלע וועלן אונטערגיין אין דער געפאנגענשאפט, ניט אלע וועלן אָפגעמעקט ווערן. אפילו אויף די גאָר זינדיקע עשרת השבטים, די וואָס זיינען שוין צעשפרייט און צעזייט אין מצרים, כוש, עילם, שנער. חמת און אויף די פילע ים־אינזלען. וועט קומען די ישועה און אן איבערבלייב וועט זיך צוריקקערן אהיים און אויפהויבן די פאָן פון גערעכטיגקייט צווישן די פעלקער.

„אין יענעם טאָג וועט גאָט
ווידער אויסשטרעקן זיין האנט
אויסצוקויפן דעם איבערבלייב,
וואָס וועט בלייבן פון אשור,
און פון מצרים,
און פון פתרות,
און פון כוש,
און פון עילם,

אוןְ פון שנער,
און פון חמת,
און פון די אינזלען פון ים.
און ער וועט אויפהויבן א פאָן צו די פעלקער,
און וועט איינזאמלען די פארשטויסענע פון ישראל,
און די צושפרייטע פון יהודה וועט ער אויפקלייבן
פון אלע פיר עקן פון דער וועלט.
און אָפּגעטאָן וועט ווערן די קנאה פון אפרים,
און די פיינט פון יהודה וועלן פארשניטן ווערן;
אפרים וועט ניט מקנא זיין יהודה,
און יהודה וועט ניט פיינט האָבן אפרים".
(קאפיטל 11, פסוק 11—13.

און דער פון גאָט באגייסטערטער נביא האָט א זעאונג וועגן די פארטריבענע אידן

„צו זאָגן צו די געפאנגענע: גייט ארויס!
און צו די וואָס אין פינסטערניש: אנטפלעקט אייך!
ביי די וועגן וועלן זיי זיך פיטערן,
און אויף אלע בארג-שפיצן
וועט זיין זייער פיטערונג.

זיי וועלן ניט הונגערן און ניט דורשטן,
און ניט פלאגן וועט זיי די היץ און זון:
זייער דערבארעמער וועט זיי באגלייטן,
און ביי קוואליק וואסער וועט ער זיי פירן.

און מיינע שטעגן וועלן דערהויכט ווערן".
(קאפיטל 49, פסוק 9-11).

איז דער נביא געקומען צו דער אויפפאסונג, אז אלץ וואָס גאָט טוט איז בלויז משפט און צדק, בלויז כדי צו לייטערן דעם מענטשן אין זיינע יסורים און ווידערגעבוירן צו ווערן א בעסערער און שלמות׳דיקער, פאר־טיפט ער שוין זיין רעיון וועגן אן איבערבלייב ניט בלויז פון אידן נאָר

אויך פון אלע אנדערע פעלקער אויף דער וועלט. אודאי וועט פריער קומען די שטראָף, די יסורים זיך צו לייטערן און די פארניכטונג פון די זינדיקע, אָבער באלד דערנאָך וועט אויפלעבן דער איבערבלייב, די גע־רעכטע פון אלע פעלקער, און צוזאמען אויסבילדן די נייע אידעאלע גע־זעלשאפט. ישראל און יהודה וועט בלויז זיין דער גרונטשטיין פאר ציון, די „שטאָדט פון גערעכטיגקייט און טרייהייט", דער גייסטיקער צענ־טער פאר דער וועלט, אָבער אויך די איבריקע פעלקער וועלן שוין דאמאָלט לעבן בשלום און יושר'דיק.

„זע, גאָט ליידיקט אוים די ערד,
וועט צודרייען איר פנים,
און צושפרייטן אירע באוואוינער.

און עס וועט זיין,
אזוי דאָס פאָלק אזוי דער כהן,
אזוי דער קנעכט, אזוי זיין האר,
אזוי די דינסט אזוי איר הארנטע,
אזוי דער קויפער אזוי דער פארקויפער,
אזוי דער מלוה אזוי דער לייער.

אויסגעליידיקט וועט ווערן די ערד,
און צורויבט וועט זי ווערן,
ווארום גאָט האָט אזוי באפוילן;

פאר'אבל'ט, פארוועלקט איז די ערד,
פארשניטן, פארוועלקט איז די וועלט,
פארשניטן די גרויסע לייט.

אויפגעהערט האָט די פרייד פון פויקן,
פארמיטן איז דער טומל פון לוסטיקע,
אויפגעהערט האָט די פרייד פון הארף.

מ׳טרינקט ניט קיין ווײַן מיט געזאַנג,
ביטער איז דער געטראַנק.

געבליבן איז א וויסטקייט די שטאָדט,
און דער טויער — א חורבה.

און אָט אזוי וועט עס זיין מיט די פעלקער:
ווי ביים אָפּקלייבן אן איילבערטבוים.

די דאָזיקע וועלן אויפהויבן
זייער קול אין געזאַנג:

דערפאר טוט שיינען יהוה
אין די לענדער פון ליכט;
אויף די אינזלען פון ים
דער נאָמען פון יהוה, אל ישראל!״
(קאַפּיטעל 24 פסוק 1—15).

דער נביא זעט ניט די מינדעסטע סתירה צווישן דעם באַגריף פון אומפאַרמיידלעכער שטראָף און דעם רעיון פון א קליינעם איבערבלייב. פאַרקערט, ער איז מצדיק את הדין, רעכטפאַרטיקט דעם משפט און איז דערמיט צופרידן:

„יהוה, דו ביסט מיין גאָט,
איך וועל דיך דערהויבען,
איך וועל לויבן דיין נאָמען,
וואָרום האָסט אויפגעטאָן וואונדער.

האָסט געמאכט פון א שטאָדט א הויפן,
פון א פעסטונג — א חורבה;
האָסט פאַרניכטעט די פאלאצען,
זיי זאָלן מער ניט אָפּגעבויט ווערן.

דערפאר וועט דיר כבוד אָפּגעבן די שטארקע אומה,
די פאראייניגונג פון פעלקער וועט דיך פורכטן.

ווארום ביסט געווען א פעסטונג דעם ארימאן,
א פעסטונג דעם נויטבאדערפטיקן,
א שוץ פון רעגן, א שאָטן פון היץ.

און גאָט פון צבאות וועט מאכן
פאר אלע פעלקער אויף דעם דאָזיקן בארג
א מאָלצייט פון פעטע שפייזן.

ער וועט פארטיליקן דעם טוידט אויף אייביק,
און גאָט דער האר וועט אפווישן
די טרער פון יעדן פנים,
און די שאנד פון זיין פאָלק
וועט ער אפּטאָן פון דער ערד;
ווארום גאָט האָט גערעדט.

און מען וועט זאָגן יענעם טאָג:
זע, דאָס איז אונזער גאָט,
ער זאָל אונז העלפן
טאָ נאָמיר לוסטיק זיין
און זיך פרייען מיט זיין הילף."
(קאפיטעל 25 פסוק 1—9).

דער וועג פון גערעכטן איז גלייך, און אזוי איז אויך דער משפּט.
קיין אונטערשייד פון איד אדער ניט־איד — אלע זיינען גלייך פאר גאָט.

„אין יענעם טאָג וועט געזונגען ווערן
דאָס דאָזיקע געזאנג אין לאנד יהודה:

א שטארקע שטאָדט האָבן מיר;
מויערן און פעסטונגען
מאכט ער פאר א הילף.

עפנט די טויערן,
און זאָל אריינגיין
דאָס גערעכטע פאָלק
וואָס מיר האָבן געהאָפט
וואָס היט געטריישאפט.

פארזיכערט אייך אויף גאָט ביז אייביק,
ווארום יהוה איז אן אייביקער פעלז.

דער וועג פון גערעכטן איז גלייך;
דו רעכטפארטיקער מאכסט גלייך דעם שטעג.

יא, אויף דעם וועג פון דיינע משפטים
האָבן מיר געהאָפט אויף דיר, גאָט;
צו דיין נאָמען און אנדענק
איז די גלוסטונג פון מיין זעל."
(קאפיטעל 26 פסוק 1—8).

שווער איז די שטראָף — א שטענדיקער פייער וואס צוברענט און פארניכטעט: דער זעלבער פייער צעשמעלצט אבער און רייניקט.

„דארום האָט גאָט דער האר געזאָגט:
זע, איך באפעסטיק אין ציון א גרונשטיין,
א געפרואווטן שטיין א טייערן ווינקל —
א פעסטן יסוד.

איך וועל מאכן גערעכטיגקייט א מעסטשנור,
און רעכטפארטיגקייט — א בויגנגעוויכט:
א האָגל וועט אוועקקערן דעם שקר,
און די וואסערן וועלן פארפלייצן פארבאָרגעניש".
(קאפיטעל 28 פסוק 16—17).

דער נביא איז מיט זיין גאנצן וועזן דורכגעדרינגען דעם געדאנק פון גאט'ס משפט, וואס ער מאכט אויך פארן אינהאלט און תוך פונם מענשנ'ס לעבן. קוים איז ער איבערציינגט, אז גאט איז דער שעפער, און אלץ און אלע זיינען פון אים באשאפן; קוים דערפילט ער אין דער טיפקייט פון זיין נשמה, אז יעדעם פעדימל פון אונזער קיום איז וועדליק דער גערעכטיגקייט פון בורא עולם — דאמאלט פארשטייט זיך מוז יעדער איינצעלנער טראט, יעדע קלענסטע טאט און באוועגונג, געמאכט ווערן וועדליק דעם רצון פון גאט.

אט די דאזיקע קאנסעקווענטע אידייע איז דער גרונט־פרינציפ, דער אינערלעכער גייסט פון דער נביאות, דערפאר שטורמט עס אזוי דער נביא קעגן די דאזיקע וואס באטראכטן גאט'ס וועלט ווי זייער אייגענע אין וועלכער זיי קאנען פירן א הפקר־פריי פארשווענדעריש לעבן.

„וועמען זאל מען וויסן לערנען?
וועמען זאל מען פארשטאנד ארייגברייגגען!
זיינען זיי דאך שוין לאנג פון דער מוטער־ברוסט אוועק,
איז דאך ביי זיי יעדער געבאט זעלבסט געגעבן געווארן,
געבאט צוליב געבאט,
באגרענצונג צוליב באגרענצונג,
קליינלעכקייטן דא, קליינלעכקייטן דארט.

ריידן זיי דאך ווי איראניע און פרעמדשפראכיק
צום פאלק וואס וואגט זיי צו זאגען:

דאס דאזיקע געזעץ ברענגט רו —
א, ברענגט עס דאך רו צום מידן! —
און דאס געזעץ איז דער גליקלעכער ציל —
זיי ווילן עס אבער אפילו ניט הערן,
ס'ווארט פונם אל־ליבינדיקען גאט.

בלייבט ביי זיי געבאט צוליב געבאט,
באגרענצונג צוליב באגרענצונג,
קליינלעכקייט דא, קליינלעכקייט דארט,

כדי מען זאָל ביי יעדן שריט זיך שטרויכלען
און מען זאָל בלייבן געבראכן,
אין קייט געשמידט און געפאנגען".
(קאפיטעל 28 פסוק 9—13).

ישעיהו מאכט פאר אונז קלערער און פארשטענדלעכער די ווארנונגען פון דער תורה. משה רבינו'ס נבואה איז דירעקט, אן שום מליצה און אָן וועלכער אפנויגונג פון דער הויפט טעמאטיק. זיין גבורה ליגט אין דער קלאָרקייט, אין דעם האַרמאָנישן ריטם פון קורצע זאצן, ווי דער ריטם פון דעם דאמאָלסטיקן אידישן לעבען אין דער מדבר.

ישעיהו געפינט אָבער דעם אידן א צובראָכענעם, א פארצווייפלטן, און ער באמיט זיך אים ארויסצונעמען פון דעם יאוש. משה'ס ווארנונגען האָבען ניט געהאָלפן. אידן האָבן זיך אפגעקערט פון גאט'ס וועג, און די שטראָף, וועלכע איז געווען אומפארמיידלעך, איז געקומען און געבראכט אינוויניקסטן חורבן. אין אזא צייט איז מער ניטא קיין אָרט פאר הוילע שטראָף רייד, פאר בלויזע ווארנונגען; איצט איז נויטיק א ווארעם טרייסטווארט, א שטארקע דערמוטיקונג, א פארזיכערונג אז דער אומגליק איז בלויז צייטווייליק און וועט גיך פאָראיבער.

אָט דעם דאָזיקן טרייסטוואָרט לאָזט ישעיהו הערן, א טרייסטוואָרט וואס דערוועקט נאך ביז היינטיקן טאג פרישן מוט אין די פארטריקענטע הערצער פונם אידן. משה רבינו'ס ווארנונג דינט דעם נביא ווי א פרישער קוואל פאר זיין הארציקער טרייסט, וואס ער חזר'ט אזוי אפט איבער.

פונקט ווי אן אבל, וואס טרויערט נאך זיין נאָענטסטן און געליבסטן, איז צוערשט מצדיק הדין, לייענט די טראגישע געשיכטע פון איוב, פארטיפט זיך איבער דעם תכלית פונם מענשן, און ערשט דערנאך דערלאָזט ער צו זיך אַ טרייסט, אזוי טוט אויך דער נביא ישעיה. פריער בארעכטיקט ער יעדע שטראָף, זאגט פאר א פולשטענדיקן נאציאנאלן חורבן, דערנאָך פילאָזאָפירט ער וועגן וועלט און לעבן, וועגן מענש און תכלית הקיום, און ערשט לסוף ברענגט ער אונז זיין ווארעם טרייסט־וואָרט.

יעדער איינער פון די נביאים, אפילו ירמיהו דער מקונן, האָט געהאט א ווארעם טרייסט וואָרט, אבער בלויז ישעיהו'ס נחמה דערקוויקט אונזער נשמה, היילט און באלעבט איצטער ווי דאמאָלס ווען עס איז פונם נביא'ס ליפּן צום ערשטן מאָל אויסגערעדט געוואָרן.

אין גאנץ אנדערע צייטן און אונטער גאנץ אנדערע אומשטענדן איז דער טרייסט ווארט ארויסגעזאגט געווארן; און דאך לייכט ער תמיד מיט זיין פרישקייט און נייקייט, די קינסטלערישקייט איז ניט פארעלטערט און די באגייסטערונג ניט אויסגעלאשן.

די טרייסט באווירקט אונז אזוי שטארק, אז זי קלינגט ווי א געטלעכע הבטחה וואס הויבט אן פארווירקלעכט ווערן פאר אונזערע אייגענע אויגן. ס'דערמאנט אויך אן דעם בעל מדרש וואס האט גע'דרשנ'ט: נחמו, נחמו עמי — נחמוני, נחמוני עמי. גאט אליין זוכט א טרייסט און בעט זיך: טרייסט מיך, טרייסט מיך, מיין פאלק! ווי איז דעם טאטן וואס האט פארטריבן זיינע קינדער!

ישעיהו'ס טרייסטווארט גיט מוט און האפענונג כח און גבורה, דערלייכטערונג און דערפרייאונג:

„טרייסט-זשע, טרייסט מיין פאלק,\
זאגט אייער גאט.\
רעדט צום הארצן פון ירושלים,\
און רופט צו איר,\
אז זי האט דערפילט איר צייט,\
אז אפגעצאלט איז איר שולד;\
אז זי האט געקראגן פון גאט'ס האנד\
דאפלט פאר אלע אירע זינד".\
(קאפיטעל 40 פסוק 1—2).

דער נביא פארווענדט זיך צו דער סימבאלישער פרויענגעשטאלט, וועלכע שטעלט פאר די אידישע אומה, ווי די מוטער רחל אין דער דיכטונג פון ירמיהו אדער ווי די בת ציון אין זיין אייגענער דיכטונג, און פאדערט פון איר זי זאל פראקלאמירן די באלדיקע גאולה:

„אויף א הויכן בארג גיי ארויף,\
אנזאגערן פון ציון;\
הויב אויף מיט כח דיין קול,\
אנזאגערן פון ירושלים;\
הויב אויף, האב ניט מורא,

זאָג צו די שטעדט פון יהודה:
אָט איז אייער גאָט!

זע, גאָט דער האר קומט א מעכטיקער,
און זיין ארעם געוועלטיקט פאר אים;
זע, זיין באלוינונג קומט מיט אים,
זיין באצאָלונג גייט פארויס;

ווי א פאסטוך וואָס פיטערט זיין סטאדע,
זאמלט ער שעפעלעך אין זיין ארעם,
און טראָגט אין שויס די זייגענדיקע".
(קאפיטעל 40 פסוק 9—11).

אינמיטן פון זיינע הארציקע טרייסטווערטער, אונטערברעכט זיך דער נביא אקוראט ווי א זיפץ פון אומגעדולדיגקייט און פארצווייפלונג וואלט אים דערגרייכט, און ער פארווענדט זיך צו די פארטרויערטע וואס לאָזן זיך ניט טרייסטן:

„פארוואָס זאָלסטו זאָגן, יעקב,
און זאָלסט ריידן, ישראל:
פארבאָרגן איז מיין וועג פון יהוה,
און פון גאָט איז מיין משפט אוועק —

ווייסטו דען ניט?
האָסטו דען ניט געהערט?
יהוה איז דער אייביקער גאָט,

דער באשאפער פון די עקן פון דער ערד,
ער ווערט ניט מיד און ניט מאט,
ניט צו דערפארשן איז זיין פארשטאנד.

ער גיט מידן כח,
און דעם שוואכן שטארקייט.

אט לויפן יונגע און ווערן מיד,
בחורים שטארקע ווערן געשטרויכלט.

נאָר די וואס האָפן אויף גאָט באנייען כח,
זיי שפרייטן די פליגלען ווי אָדלערס,
זיי לויפן און ווערן ניט מיד,
זיי גייען און ווערן ניט שוואך."
(קאפיטעל 40 פסוק 27—31).

אזוי ווי א פרילינגס שטראל, וואס רייסט זיך דורך די פינסטערע וואָלקנס צו ברענגען דער וועלט די פרייליכע בשורה פון א גרויסער, וואַרימער און דערקוויקענדיקע זון, אזוי צעטראגט זיך צו אונז דורך די שווערע גלות־וואָלקנס דער זוניקער, ליכטיקער און טרייסטענדיקער גאולה־אָנזאָג פון ישעיהו הנביא.

די דאָזיקע טרייסט ווערטער וואס דער נביא פון דער אנזאגענדיקער גאולה האָט מיט אזא פלאמיקער התלהבות און מיט אזוי פיל פּאָעטישער שיינקייט אויסגעזונגען צו די געדריקטע און דערשלאָגענע אידן אמאָל, קלינגען און זינגען נאך איצטער מיט זייער פולער פרישקייט, שטארקייט און אמת'דיגקייט.

דער נביא זינגט דעם וואונדערליכן געזאנג פון דער אנקומענדיקער אידישער גאולה:

„זינגט, איר הימלען, און פריי זיך, דו ערד,
און ברעכט אויס, איר בערג, אין געזאנג,
ווארום גאָט האָט געטרייסט זיין פאָלק,
און זיינע ארעמע טוט ער דערבארעמען.

און ציון האָט געזאגט:
פארלאָזן האָט מיך יהוה,
און גאָט האָט פארגעסן אָן מיר.

קאָן א פרוי פארגעסן איר ברוסטקינד,
ניט צו דערבארימען דעם זון פון איר לייב?

ווער קאָן דיך באַקלאָגן?
פאַרוויסטונג און בראָך,
הונגער און שווערד —
דיביידע האָבן דיך געטראָפן —
ווי קאָן איך דיך טרייסטן?

דיינע זין ליגן גע'חלש'טע אין אַלע עקן גאַסן,
ווי אַ ווילדע ציג אין נעץ,
פול מיט דעם גרימצאָרן פון יהוה,
מיט דעם געשריי פון זיין גאָט".

די שווידערלעכע לאַגע וועט אָבער אייביק ניט דויערן. גאָט'ס הילף קומט און איז שוין דאָ:

„הער נאָר צו דאָס דאָזיקע, דו אָרימע
און פאַר'שכור'טע, אָבער ניט פון וויין;

אַזוי האָט געזאָגט דיין האַר יהוה,
דיין גאָט וואָס נעמט זיך אָן פאַרן פאָלק;

זע, איך האָב אוועקגענומען פון דיין האַנט
דעם כּוס פון פאַרטומלעניש,
דעם בעכער פון מיין גרימצאָרן:
וועסט אים מער ניט טרינקען.

איך וועל אים אַריינטאָן
אין האַנט פון דיינע באַדריקער,
וואָס האָבן געזאָגט צו דיר:
בויג זיך איין, מיר זאָלן אַריבערגיין;
און האָסט געמאַכט ווי די ערד דיין רוקן,
און ווי די גאַס פאַר אַריבערגייער".
(קאַפּיטעל 51 פסוק 12—22).

די דאָזיקע דערנידערונג פון דיין גלות־לעבן וועט פארשווינדן, און ציון וועט ווידער שיינען אין איין גלאַנץ:

„דערוועק דיך דערוועק דיך,
טו אָן דיינע פראַכטיקע בגדים,
ירושלים, דו הייליקע שטאָדט;
ווארום מערער וועט ניט קומען
אן ערל אדער א טמא.

שאָקל דיך אָפּ פון שטויב,
הויב דיך אויף, זעץ דיך, ירושלים,
מאך דיר לויז די שטריק פון האלז,
געפאנגענע טאָכטער ציון.

ווי שיין זיינען אויף די בערג
די פיס פון דעם אָנזאָגער
וואָס לאָזט הערן שלום,
וואָס זאגט אָן גוטס,
וואָס לאָזט הערן הילף,
וואָס זאָגט צו ציון:
דיין גאָט טוט קיניגין.

הער, דיינע וועכטער הויבן אויף זייער קול,
און זינגען אינאיינעם,
ווארום אויג אין אויג זעען זיי
ווי גאָט קערט זיך אום קיין ציון.

ברעכט אוים, זינגט אין כאָר,
איר חורבות פון ירושלים,
ווארום גאָט האָט געטרייסט זיין פאָלק,
ער האָט אויסגעלייזט ירושלים.

גאָט האָט אנטפּלעקט זיין הייליקן ארעם,
פאר די אויגען פון אלע פעלקער,
און אלע עקן פון דער וועלט וועלן זען
די ישועה פון אונזער גאָט".

ניט מיטאמאָל וועט קומען די גאולה, און ניט אלע וועלען זיך גלייך צוריקקערן קיין ירושלים:

פּארוואר, ניט אין איילעניש וועט איר ארויס,
און ניט אין געלאָף וועט איהר גיין".

דאָך טאָר מען די האָפענונג ניט פארלירן, די גאולה וועט זיכער קו־מען און דאָס פאָלק וועט זיכער אויסגעלייזט ווערען, ווייל —

„גאָט גייט פאר אייך אין פארויס,
און גאָט פון ישראל איז אייער באגלייטער".
(קאפּיטעל 52 פּסוק 1—10).

זיבן באזונדערע טרייסט לידער האָט ישעיהו אויסגעזונגען, און אין יעדער איינער באנוצט ער זיך מיט קאלירפולע סימפאנישע טענער און אָטעם־פארכאפּענדיקע בילדער. אין יעדער איינער רעדט ער וועגן דער אָנ־קומענדיקער גאולה און באפרייאונג, כאָטש ער זעט פאָר דעם גלות מיט אלע אירע שווידערלעכקייטן. ער ווייסט אז גלות דערשלאָגט דעם געמיט, פאר־אורזאכט געפאלנקייט, און ער זוכט אט דעם דאָזיקן קראנקהאפטיקן פּסיכא־לאגישען צושטאנד צו היילן.

ישעיה פארגלייכט דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאנד צו אן עקרה, א ניט־געווינערן, וועמען דער מאן האָט פארלאָזן. אין די ביבלישע צייטן איז א פרוי וואָס האָט ניט געקענט געבוירן, געווען א פארשטויסענע און איבריקע. דעם זעלבן געפיל האָבן געהאט די פארטריבענע אידן. זיי האָבן זיך דערזען ווי אומפּרוכטבארע אן אַ לאנד, אן א רעגירונג און אָן א קולטור, אָן וועלכן שאפונגס־כח. דער נביא האָט אבער געהאט א ווייטע וויזיע און געקענט אריינבליקען אויך אין דער ווייטער צוקונפט. מיט זיין אינטואיציע האט ער

דערפילט אז אויך אין גלות וועלן אידן אנטוויקלען א קולטור, אידייען און זיין שעפּפעריש, און ער טרייסט אונז:

„זינג, דו עקרה,
וואָס האָט ניט געבארן;
דו וואָס האָסט ניט געוויטיקט,
ווארום מערער זיינען דיינע קינדער פון דער עקרה,
ווי די קינדער פון פרוכטבארע, זאָגט גאָט.

ברייט אויס דעם אָרט פון דיין געצעלט,
און די אומהאנגען פון דיינע וואוינונגען שטרעק אויס;
ניט שפּאָר, מאך לאנג דיינע שטריק,
און דיינע פלעקלעך באפעסטיק.

ווארום רעכטס און לינקס וועסטו זיך שפּרייטן,
און דיין זאמען וועט ארבן די פעלקער,
און שטעדט פארוויסטע וועלן זיי באזעצן.

זאָלסט ניט מורא האָבן,
ווארום וועסט ניט פארשעמט בלייבן.

ווארום ווי א ווייב
פארלאָזן און פאראומערט אין געמיט
טוט דיך צוריקרופן יהוה;
און א יונגפרוי, קאָן זי דען נמאס ווערן?

אין אויסגוס פון כעס און צאָרן
האָב איך א רגע פארבאָרגן מיין פנים,
אָבער מיט אייביקער גענאד
טו איך דיך דערבארימען.

דו ארעמע, פון שטורם געטריבענע,
דו ניט געטרייסטע,

זע, איך לייג אוים דיינע שטיינער אין פארבן,
און וועל דיך באפעסטיקן מיט סאפירשטיינער.

און איך וועל מאכן דיינע טורעמשפיצן פון רובין,
און דיינע טויערן פון גארפונקלשטיינער,
און דיין גאנצן געמארק פון גלוסטיקע שטיינער.

און אלע דיינע קינדער וועלן זיין געלערנטע,
און גרוים וועט זיין דער שלום.

אויף גערעכטיקייט וועסטו אויפגעשטעלט ווערן,
זיי ווייט פון דריקונג—דארפסט ניט מורא האָבן!

מיט שמחה וועט איר ארויסגיין,
און בשלום וועט איר געפירט ווערן;
די בערג און די הויכן
וועלן אויסברעכן אין געזאנג,
און אלע בוימער אין פעלד
וועלן קלאפן מיט די הענט.

אנשטאט א דאָרן וועט אויפגיין א ציפּרעס,
אנשטאט ווילדגעוויקס וועט אויפגיין א מירט".
(קאפיטל 54 פסוק 1—13).

די גאולה וועט טאקע קומען, אָבער בלויז בתנאי אז עס וועט אנט־
שטיין א בעסערע וועלט, א וועלט פון יושר און גערעכטיגקייט.

„אזוי האָט גאָט געזאָגט:
היט רעכט, און טוט גערעכטיגקייט,
ווארום נאָענט איז מיין הילף צו קומען,
און מיין גערעכטיגקייט זיך צו אנטפּלעקן.

וואויל צו דעם וואס טוט דאָס דאָזיקע,
און דעם מענשן וואָס האלט זיך דארין,

וואָס היט שבת אים ניט צו פארשוועכן,
און היט זיין האנט פון צו טאָן שלעכטס״.

און ניט אָפּגעזונדערטקייט וויל גאָט, ניט בלויז א גאולה פארן אידישן פאלק, נאר פאר דער גאנצער מענשהייט.

און ניט זאָגן זאָל דער פרעמדגעבאָרענער,
אפזונדערן וועט מיך גאָט פון זיין פאָלק;
און ניט זאָגן זאָל דער סרים:
זע, איך בין א טרוקענער בוים.

אויך זיי וועל איך געבן אין מיין הויז
אן אנדענק און א נאָמען״.
(קאפיטעל 56 פסוק 1—4).

ישעיה איז דאָ ניט מער דער פריערדיקער שטרענגער שטראָפער און מוכיח, דער אומקאמפּראָמיסליכער אנזאגער פון חורבן און אונטערגאנג; דער איצטיקער ישעיה איז דער הארציקער טרייסטער, דער ליבער און רימער פון אידישן פאָלק, דער ווייכער ליריקער און מבשר: אין זיין וואָרט איז מער ניטאָ די הארטקייט און בייזקייט, די באשולדיגונג און משפט; איצטער איז ער דער נביא וואָס איז פול מיט חסד, פול מיט רחמים, פול מיט אויסגוס פון אָנגעבונדקייט און איבערגעבענהייט.

ישעיה איז איצטער פול מיט האפענונג און בטחון, פול מיט גלויבן און שטאָלץ. זיין פאלק ישראל איז נאך אלץ דער ליכט־טרעגער פון אלע הויכע אידייען, נאך אלץ דער פארפיינערטער און ראפינירטער, נאך אלץ דער שעפער פון גרויסע ווערטן, נאָך אלץ דער טרעגער פון גאָט׳ס תורה, נאָך אלץ דער נרו של עולם, נאך אלץ דאס ליכט פון דער וועלט אויף וועמען ס׳שיינט גאָט׳ס הערליכקייט:

„שטיי אויף, לייכט אויף, ווארום דיין ליכט איז דאָ,
און דער פראכט פון גאָט שיינט אויף איבער דיר.

זע, פינסטערניש וועט באדעקן די ערד,
און א נעפּעל די פעלקער,

אָבער אויף דיר שיינט גאָט,
און זיין פּראכט איז אויף דיר.

און פעלקער וועלן גיין נאָך דיין ליכט,
און מלכים נאָך דער העלקייט פון דיין שיין.

הויב אויף די אויגן ארום און ארום און זע:
זיי אלע זיינען איינגעזאמלט, זיי קומען צו דיר;
דיינע זין קומען אָן פון דער ווייט,
און דיינע טעכטער ווערן אויפן זייט געטראגן.

דו וועסט זען און וועסט באלויכטן,
און ברייט וועט ווערן דיין הארץ;
צו דיר וועט איבערגיין די רייכקייט,
דער פארמעג פון פעלקער וועט קומען צו דיר.

א שפע פון קעמלן וועלן דיך באדעקן,
די פיינסטע פון מדין און עיפה,
אלע קומען זיי פון שבא,
ברענגען ווייררויך און גאָלד,
און דערציילן גאָט׳ס גרויסקייט.

אויך פון קדר און נביות,
קומען שאָף און באראָנען;
אלע קומען זיי צו מיין מזבח,
צו באשיינען מיין נאָמען.

ווער פליט עס אהער ווי א וואָלקן,
ווי טויבן צו זייערע שלאָגן ?

עס זאמלען זיך פעלקער,
און שיפן פון תרשיש קומען,
צו ברייננגן ישראל פון ווייטן

מיט זילבער און גאָלד ביי זיך,
צום נאָמען פון יהוה זיין גאָט,
צום הייליקן פון ישראל,
וואָס האָט דיך דערהויבן.

און פרעמדע וועלן בויען דיינע מויערן,
און זייערע מלכים וועלן דיך באדינען;
אין מיין צאָרן האָב איך דיך געשלאָגן —
אין מיין חסד האָב איך זיך דערבארעמט.

און דיינע טויערן וועלן זיין אָפן,
טאָג און נאכט ניט פארשלאָסן,
צו ברענגען דאָס גוטס פון פעלקער,
געפירט פון מלכים און דינער.

דער פראכט פון לבנון וועט קומען צו דיר,
ציפּרעסן, טענענבוים און בוקסנבוים אינאיינעם
צו באשיינען מיין הייליק ארט,
צו באערן דעם ארט פון מיין הייליקטום.

און געבויגן וועלן קומען
קינדער פון דיינע פייניקער,
און בוקן זיך צו דיינע פוסטריט
וועלן דיינע לעסטערער,
און וועלן דיך רופען שטאָדט פון גאָט,
ציון פון דעם הייליקן ישראל.

דערפאר וואָס ביסט געווען פארלאָזט,
און פארהאסט אָן א דורכגייער,
וועל איך דיך מאכן צום אייביקן שטאָלץ,
צו א פרייד אויף אייביקע דורות.

ניט מער וועט געוואלדטאט
זיין אין דיין לאנד;

קיין רויב און אומגליק
אין דיין גבול.

ניט מער וועט דיין זון אונטערגיין,
און דיין לבנה — ניט פארגיין;
גאָט וועט זיין דיין אייביק ליכט,
און די טעג פון טרויער צו אן ענד.

און דיין פאָלק — אלע גערעכטע,
וועלן ירשענען דיין ערד;
דער צווייג פון מיין פלאנצונג,
ס'ווערק פון מיין האנט צו רימען.

דער קלענסטער וועט ווערן טויזנט,
דער אינגסטער — א מעכטיקע נאציע;
איך גאָט וועל עס ברענגען אין צייט".
(קאפיטעל 60 פסוק 1—22).

מיט די זיבן גאולה־זעאונגען און נאציאנאלע פרייד־געזאנגען דער־מוטיקט דער נביא די אידן און דערפרישט אין זיי דעם בטחון און אמונה, אז נצח ישראל לא ישקר, אייביק איז ישראל און וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין.

אויך דער נביא אליין ווערט באזעלט מיט א טיפער פרייד, וואָס באַ־העפט אים מיט דער געטלעכקייט, און ער זינגט פאר זיך:

„פרייען פריי איך זיך מיט יהוה,
לוסטיק איז מיין זעל מיט גאָט;
ער האָט מיר אנגעטאן קליידער פון הילף,
א מאנטל פון נצחון מיר ארומגעוויקלט.

ווי די ערד לאָזט ארויס איר שפּראָצונג,
און ווי א גארטן מאכט שפּראָצן זיינע זאמען,
אזוי וועט גאָט מאכן שפּראָצן נצחון און לויב".
(קאפיטעל 61 פסוק 10—11).„

„פון וועגן ציון וועל איך ניט שווייגן,
און וועגן ירושלים וועל איך ניט רוען,
ביז ארוים ווי דער שיין וועט איר גערעכטיגקייט,
און איר הילף ווי א פלאם וואס ברענט“.
(קאפיטעל 62 פסוק 1).

און דער נביא פרייט זיך מיט דעם אויפקום פון זיין פאָלק און לאנד. מ'וועט מער ניט זאגן אויף דער אידישער נאציע אז זי איז אן „עזובה“, א פארלאָזטע, און אויפן לאנד אז זי איז א „שוממה“, א פארוויסטע, נאר דער נאָמען פון דער אידישער אומה וועט זיין „חפצי־בה“, מיין גלוסטיגקייט צו איר, און דער נאמען פון לאנד — בעולה, א באמאנטע.

„ווארום גאָט טוט דיך גלוסטען,
און דיין לאנד וועט באפרוכטבערט ווערען;

ווארום ווי א בחור באמאנט א יונגפרוי,
וועלן דיך באמאנען דיינע קינדער:
און ווי די פרייד פון חתן־כלה,
וועט זיך פרייען מיט דיר דיין גאָט“.
(קאפיטל 62 פסוק 4—5).

דער נביא האָט מיט זיין אידייע פון א שאירית ישראל געוואלט ראַטעווען סיי דעם אידען, סיי זיין לאנד און סיי די גאנצע מענשהייט. די אידייע איז געבליבן לעבן בלויז אין אים און ניט אין פאָלק. סנחריב האָט איבערגעריסן זיין באלאגערונג אין ירושלים, און זיינע אימפעריאליסטישע לײדנשאפטן זיינען דאמיט אפגעשטאָרבן. די גרויסע עפידעמיעס אין זיין מיליטער, און די אינווייניקסטע רייסערייען האָבן אים געהאלטן צוגעבונדן צו זיין אייגן לאנד.

חזקיהו איז גיך געשטאָרבן, און די אינוויינִיקסטע דעמאָראליזאציע איז איצטער אנגעגאנגען נאך מיט א פיל שנעלערן טעמפּאָ ווי פריער. יהודה האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דער נביאישער אידייע פון בלויז אן איבערבלייב; זי האָט געוואלט פארבלייבן א גאנץ און מעכטיק פאָלק. דעם אוועקגיין פון די אשורישע חיילות האָט יהודה איצטער אויסגעטייטשט ווי

א סימן פון זייער אייגענער שטאַרקייט, און די מיליטערישע פּאַרטיי צוזאַמען מיט די אריסטאָקראַטישע געלד־מאַגנאַטן האָבן ווידער טריאומפירט.

דאָך איז דער גייסט און ווירקונג פון ישעיהו געבליבן לעבן. אויב דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט, האָט זיך אָבער צוגע־הערט א קליינער מיעוט און אין דאָרין האָט ער געפונען זיין טרייסט.

וואָס אַזוינס עס איז געוועזן דער סוף פון ישעיהו, איז אומבאַקאַנט. א תלמודישע אגדה דערצעהלט, אַז מנשה, דער נייער קעניג נאָך חזקיהו, האָט באַפוילן אים טוידטן. ישעיהו האָט זיך באַהאַלטן אין א בוים, האָט מנשה באַפוילן דעם בוים צוצוזעגן און אַזוי אַרום איהם געטויט צושניידנ־דיק זיין מויל אויף צוויי העלפטן. אַזוינס איז אָבער שווער צו גלויבען. גיכער איז זיך פאָרצושטעלן, אַז ישעיהו האָט באַגעגנט דעם טויט מוטיק ווי ער איז עס געוועזן דעם גאַנצן לעבן.

די הויף־פּאַרטיי מיט דעם יונגן קעניג מנשה האָבען זיך טאַקע מיט פעסטער אַנטשלאָסנקייט א וואַרף געטאָן אויף אַלע קריטיקער און זיי אַכזריות׳דיק אומגעבראַכט, און וואַרשיינלעך איז צווישן זיי געוועזן אויך דער נביא ישעיהו.

די פאַרמעגלעכע קלאַסן פון יהודה האָבן זיך איצטער מיט מער באַגייסטערונג אָפּגעגעבן צו תאוות און פאַרגעניגנס. דער געצענדינסט האָט ווידעראַמאָל פאַרנומען דעם אויבנאָן, און בלויז ביי א קליינער גרופּע צווישן די פּשוטע פאָלקסמאַסן איז נאָך געבליבען לעבן דער ריין־אידי־שער גייסט.

ישעיהו איז געוועזן דער שיינדל פון אַלע נביאים. אין זיינע גע־דאַנקען איז געלעגן אן אייגנאַרטיקע שטאַרקייט, און זיין אידייע וועגן אן איבערבלייב איז געוואָרן דער הויפּט יסוד פון יעדער וויטערדיקער נבואה.

ניט יעדע נבואה וואָס ווערט צו אים צוגעשריבען, איז טאַקע דורך אים געזאָגט געוואָרן. נאָר היות ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון נבואה, האָט מען אים אַקרעדיטירט מיט אַלץ וואָס איז שפּעטער געפונען געוואָרן אָן א נאָמען.